YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv06i31

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 6 Issue 31
August 1924

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 6, Iss. 31)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/175

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. VI. No. 31. | New York, Friday, August 1, 1924. | פרייטאג, 1טען אויגוסט, 1924 | PRICE 3 CENTS

N Y Pub Library 42 St & 5 Ave City Comp

איבערבויאונג פון קלאוק שעפער אין ניו יארק כמעט געענדיגט

די גאנצע ארבייט פון דער רעארגא־ניזיישאן־קאמיטע און סעטעלמענט־קא־מיטע איז שוין כמעט ווי געענדיגט. מיר האבען נאך ניט געגנוי די ציפערען פון די געסעטעלטע שעפער, אבער מיר קענען זאגען גאנץ באשטימט, אז נאך א פאר טעג, און אלע קלאוקמאכער פון אלע פא־כען וועלען שוין האבען זייערע באשטימ־טע פלעצער אין זייערע יוניאן־שעפער, וואו אלע אויסגעפיהרטע יוניאן־קאנדי־שאנס וועלען פינקטליך אויסגעפאלגט ווערען.

נאטירליך, זיינען מיר ניט אימשטאנד צוצוזאגען ארבייט פאר אלע בעלי מלאכות אין די אלע געסעטעלטע שעפער. דער סיזאן, ווי באקאנט, דארף זיך ערשט אנפאנגען; און, ווען קיין ארבייט איז ניטא, קענען די בעלי בתים מיט זייער בעסטען ווילען ניט געבען די בעלי מלאכות דאס, וואס זיי האבען אליין ניט. די ארבייטער אבער דארפען ניט, טארען ניט צוליב דעם פארלאזען זייערע פלע־צער, ווייל ערשטענס וועלען זיי קיין אנ־דערע פלעצער גיט קריגען, מיר מיינען יוניאן־פלעצער, און טאמער וועלען נאך פארבלייבען אייניגע נים־יוניאן־שאפקעס, וועלכע וועלען זיי צוזאגען פארשיידענע גליקען, ווייסען זיי דאך שוין פון ביטע־רער ערפאהרונג, וואס פאר א גליקען דאס זיינען, און זיי וועלען זיכער ניט לאזען זיך מעהר פארנארען.

מיר וועלען דעם דאזיגען ענין ברייד־טער און טיפער ארומריידען אין קומענ־דען נומער „גערעכטיגקייט". דא האבען מיר נאר געהאט ברעה צו באריכטען די אמת־פרעהליכע בשורה, אז די גרויסע, ווירקליך זעהר שווערע ארבייט פון דער פארגענומענער רעארגאניזאציאן איז שוין כמעט ווי געענדיגט, און געענדיגט אויף דעם בעסטען אופן, ווייל עס איז ניט גע־מאכט געווארען קיין איינציגער סעטעל־מענט מיט אירגענד א שאפ, וועגען וועל־כען עס זאל קענען זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אז ער זאל ניט קענען נאכקו־מען די אויסגע... ...ניאן־פארערונ־גען.

עס וועט זיין גענוג צו זאגען, אז די סעקיוריטיס, וואס די סעטעלמענט קא־מיטע האט אריינגענומען פון פארשיי־דענע מאנופעקטשורערס באטרעפט באלד א האלבען מיליאן דאלאר. נאטירליך, איז דאס נאך ניט אלעס. די באטרע־פענדע קאמיטעס האבען געזוכט און גע־זיפט די שעפער, וועלכע זיינען ראוי צו פארבלייבען אין דער אינדוסטריע. דער מינדעסטער צווייפעל וועגען אירגענד א סאב־מאנופעקטשורער אדער שאפ האט איהם שוין געמאכט אזוי פסול אין די אויגען פון דער סעטעלמענט־קאמיטע, אז אפילו קיין סעקיוריטי, ווי גרויס עס האט געמעגט זיין די סומע, האט ווייניג וואס געהאלפען.

נאך א פאר קאנפערענצען וועלען מאכען די גאנצע אר־בייט פולשטענדיג

עס זיינען נאך דא אייניגע פונקטען, וואס דארפען נאך אויסגעגליכען ווערען צווישען די אלע צדדים. ווי, צום ביי־שפיל, די פראגע פון אן אימפארשיעל טשערמאן, פון אן אדמיניסטראטאר פאר דעם אנעמפלאימענט פאנד, און אויף וועלכען שטייגער ער זאל קאלעקטירט ווערען. אויך וועט פארקומען די פראגע פון לייבעל, איבער וועלכער א ספעציע־לע קאמיטע ארבייט שוין א לענגערע צייט, און וועלכער דארף אזוי שנעל ווי מעגליך איינגעפיהרט ווערען אין אונזער אינדוסטריע.

צוליב דעם וועט דעם דאנערשטאג, דעם 31 דזשולײ אפגעהאלטען ווערן א קאנפע־רענץ צווישען אלע צדדים. מ'ערווארטעט ניט קיין גרויסע חלוקי דעות. ס'הערשט די אלגעמיינע מיינונג, אז איבער אלע פראגען וועלען די פארשיידענע צדדים קומען צו א באלדיגער פארשטענדניס. אין פאל אבער ניט, זאלען, למשל, די יוניאן און די אנדערע צדדים ניט קענען זיך איינ־פארשטעהן איבער דעם, ווער עס זאל זיין דער אימפארשיעל טשערמאן, אדער ווי די געלדער פאר דעם אנעמפלאימענט־פאנד זאלען קאלעקטירט ווערען, דאן וועלען די פראגען גלייך איבערגעהן צו

(שלוס אויף זייט 2.)

דער קלאוקמאכער קאמף אין באלטימאר צופלאקערט זיך אלץ שטארקער און שטארקער

דער סטרייק אין באלטימאר, וואס האט זיך אנגעהויבען לעצטען מיטוואך, איז איצט אין זיין פולען גאנג. די בא־סעלאך פון די פארשיידענע שאפקעס, ווי אויך די גרעסערע מאנופעקטשורערס טרייען אנצוגעהן מיט זייער סקעב־אר־בייט. פארשטעהט זיך, אז די יוניאן ווענדעט אן אלע איהרע כחות ניט צו דערלאזען דערצו, און דער קאמף צווישען יוניאן און באסעס צופלאקערט זיך אלץ שטארקער.

ווי געוועהנליך, איז צו־הילף פון די באסעס באלד געקומען דער ברוטאלער פאליסמאן, ווען מען האט איינגע־דרילט, אז אין א קאמף צווישען די בא־סעס און דעם ארבייטער איז דער אר־בייטער אימער אונגערעכט און דער באס איז אימער גערעכט. דערפון קומט, דאס די פאליס האלט אין איין פארפאלגען די פארשיידענע פיקעט־קאמיטעס. איינער פון די פיקעטער איז זאגאר שטארק צו־שלאגען געווארען פון דער פאליס. ברו־דער בראון, פארשטעהט איהר, האט פארלאנגט פון די פאליס זיי זאלען ארעס־טירען א פאר באסעס, וואס זיינען מחלל זונטאג געווען, אום אנצוזאגען אביסעל די סקעב־ארבייט, וואס זיי זיינען גע־שטערט געווארען פארטיג צו מאכען צו־ליב דעם סטרייק. די פאליס אין באלטי־מאר האט אבער א געוואלדיגען דרך־ארץ פאר א באס. און, אפשר, ערווארטען זיי פון די באסעס א היבשע באלוינונג; און אנשטאט צו ארעסטירען די באסעס, האבען זיי צוערשט צוקיילט און צובײלט ברודער בראון, און דאן האבען זיי איהם געשטעלט אונטער אן אנקלאגע.

פונקט אזוי פיהרען זיי זיך אויף גע־גען אנדערע פיקעטס, און פילע האבען

(שלוס אויף זייט 2)

שטארקער ארגאניזיישאן קאמפיין אין טאלידא

די קלאוקמאכער יוניאן אין טאלידא קומט ווידער צום לעבען. עס איז געווען א פאלשע איינרעדעניש פון דער זייט פון די קלאוקמאנופעקטשורער אין טאלידא, אז זיי האבען זיך איינמאל פאר אלעמאל בא־פרייט פון דער יוניאן, ווייל פאר א געווי־סע צייט האט זיך די ארגאניזיישאן־אר־בייט אפגעשטעלט צוליב פארשידענע סיבות. זיי געפינען שוין איצט אויס, און באלד וועלען זיי זיך איבערצייגען אין דעם, אז פון דער יוניאן־„אנשיקעניש" איז נים פטור צו ווערען. אט איז זי, דאכט זיך, טויט, אבער א ווײלע שפעטער, און זי איז ווידער לעבעדיג און ענערגיש, און ווערט זיך מיט אלע כחות, גאר ווי זי וואלט קיינמאל ניט געווען אפגעשוואכט.

דער פאקט איז, אז שטילערהייט איז גאר פלוצלונג ווידער אויפגעבויט געווא־רען א קלאוקמאכער יוניאן אין טאלידא. די ארבייט פון אונזער דזשענעראל ארגא־

(שלוס אויף זייט 2).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 31

זייט 1 און 2. יוניאן־נייעס.
זייט 3. דער אגרימענט מיט די סאב־מאנופעק־טשורערס אין דער קלאוק אינדוסטריע.
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. אין דער באנאז עמברוידערי יוניאן, לאקאל 66 — עסענפעלד.
זייט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 6. בריף פון לעזער. דער מענש אין פענ־סטער (ערצעהלונג) — ל. פיינבערג.
זייט 7. א סטרייק (א בילדעל) — מ. שמואל־זאן. יוניטי — צינקין.
זייט 8. דער דרעסמאכער סטרייק און דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר — עדיטאריעלס.
זייט 9. א נייער דעפארטמענט אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל — עדיטאריעל. פובליסיטי־פישונעת — א. זעלדין.
זייט 10. אויפ'ן שוועל פון א גרויסען קלאוק־מאכער קאמף אין באסטאן — ס. זיידמאן. דאס ליד פון גאלדענעם סוף זומער (געדיכט) — נפתלי גראס. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. דער אינטערנאציאנאלער געווערק־שאפטס קאנגרעס — לעאן חאזאנאוויטש. פארוויקעלטע סיטואציעס (פעליעטאן) — ז. וואהיקער.
זייט 12. וויכטיגער פארטשריט פון וויסענ־שאפטליכער — דר. הערמאן פראנק. דער נאטור־היסטארישער מוזעאום און זיין אויפגאבע — ל. באראדולין.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. זאכען גוט צו וויסען.
זייט 15. עדווערטייזמענטס.
זייט 16. נייעס און עדווערטייזמענטס.

באאמטען־וואהל אין לאקאל 66

לעצטען דאנערשטאג זיינען פארגעקו־מען נייע וואהלען פאר די באאמטע פון לאקאל. און לויט דעם באריכט פון ברו־דער עססענפעלד, מענעדזשער פון לאקאל, זיינען די וואהלען אויסגעפיהרט געווארען אזוי שעהן, אז עס וואלט גארניט געשאדט, אז פילע אנדערע לאקאלס פון דער אינ־טערנעשאנאל זאלען נאכטאן דעם גוטען ביישפיל.

די אינסטאלײשאן פון די באאמטע וועט פארקומען נעקסטען דינסטאג. מיר גראטולירען די אויסדערוויילטע צו זייערע עמטער, מיט וועלכע זייער יוניאן האט זיי פארטרויט. מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלען דורך זייער טעטיגקייט פאר דער יוניאן ארויסווייזען, דאס זיי האבען פול פארדינט דעם צוטרוי פון זייערע יו־ניאן־ברידער.

ליידיס טיילארס, לאקאל 38, אויפגעפאסט.

דינסטאג, דעם 5טען אויגוסט, וועט אפגעהאלטען ווערען א זעהר וויכטיגער מיטינג אין הארלעם סאשיעליסט עדיו־קיישאנאל סענטער, 62 איסט 106טע סט., 8 אזייגער אין אווענד. די מעמ־בערס ווערען אויך אויפגעפאדערט צו נעהמען אין אכט, דאס פון דעם 15טען אויגוסט אן ווערט די דיוסס געהעכערט אויף 40 סענט, און עס איז נויטיג פאר די מעמבערס צו באצאהלען גלייך אלעס, וואס קומט פון זיי, ווייל נאך דעם וועלען אויך די חובות מוזען גערעכענט ווע־רען לויט דעם 40 סענטיגען סטעמפ.

ברידערליך,
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 38.
ב. דרייזין, סעקרעטאר.

דיסטריקט קאונסיל פון די פארשיידענע לאקאלס אין ניו יארק ארבייט מיט „פול סטים"

דערווייל איז עס נאך גאר א שטילע ארבייט, אבער פון אלץ, וואס וויים־פרע־זידענט לעפקאוויטש, מענעדזשער פון דעם דיסטריקט קאונסיל, האט אונז דער־צעהלט, געהט אן א העכסט פראקטישע, א העכסט וויכטיגע ארבייט, אן ארבייט, וואס האט פאר זיך א גרויסען, פרוכטבא־רען פעלד. עס גילט צו ארגאניזירען ניט וועניגער, ווי פופציג טויזענט נים־ארגא־ניזירטע ארבייטער אין די פארשיידענע טריידס, פון וועלכע דער דיסטריקט־קאונ־סיל איז צוזאמענגעשטעלט.

דער דיסטריקט קאונסיל באשטעהט איצט פון פאלגענדע 12 לאקאלס: סוויס עמבראידערי, לאקאל 6, מיסעליינאוס קאטערס, לאקאל 10, ריינקאוט מייקערס, לאקאל 20, ליידיס טיילארס יוניאן, לא־קאל 38, טאקערס, פליטערס, העמסטי־טשערס, לאקאל 41, ווהייטגודס וואיר־קערס, לאקאל 62, פרייוועט דרעס מיי־קערס, לאקאל 90, טשילדרען דרעסמיי־קערס, לאקאל 91, באנאז־עמבראידערי, לאקאל 66, עמבראידערי דרעסמייקערס, לאקאל 97, באטאן וואירקערס, לאקאל 132, וויסטמייקערס לאקאל 25.

די אלע לאקאלס, יעדער איינער פון וועלכע איז געווען אגאנץ שוואכער לא־קאל, זיינען איצט, פאראייניגט אין איין צענטראלע קערפערשאפט, גאר א גרויסע מאכט, און עס איז ניטא דער מינדעס־טער ספק, אז פאר דעם דיסטריקט־קאונ־סיל איז באשערט אויפצוטאן זעהר וויכ־טיגע ארבייט.

לאמיר דא איבערגעבען אין קורצען, ווי דער דיסטריקט קאונסיל איז צוזאמ־מענגעשטעלט. יעדער לאקאל שיקט דריי דעלעגאטען, אזוי דאס 36 דעלעגאטען שטעלען איהם צוזאמען. דערצו איז דא א באארד אוו דירעקטארס, וועלכער בא־

(שלוס אויף זייט 16.)

סטרייקס אין די קלאוק־שעפער ארום ניו יארק כמעט אלע געסעטעלט

אזוי שנעל, ווי עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו רופען די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק צו אַן אַלגעמיינער אָפּשטעלונג פון דער ארבייט — און זאָל דאָ געזאָגט ווערען, אז ווען דער סטרייק איז גערופען געוואָרען, האָט מען נאָך ניט געוואוסט אויף זיכער, צי דאָס וועט זיין בלויז אַ רעאָרגאַניזיישאָן־סטרייק, צי אַ סטרייק נעגען די דזשאָבערס און מאַנופעקטשורערס, פאַר די ארויסגעשטעלטע יוניאָן־פאָדערונגען, — איז אונזער אוט־אָוו־טאַון דעפּאַרטמענט געוואָרען זעהר, זעהר ביזי, און אלע, אלע ארבייטער אין די פילע קלאָוק שעפער אין די פאַרשידענע שטעטלאַך ארום ניו יאָרק, זיינען ארויסגערופען געוואָרען אין סטרייק.

דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט אזוי דערפאַר, ווייל די דאָרטיגע קלאָוקמאַכער האָבען געהאַט זייערע אייגענע קריוודעס נעגען זייערע בעלי בתים, נאָר אום זיך צו פאַרזיכערען, אז אין די דאָזיגע שעפּער זאָל ניט געמאַכט ווערען קיין סקעב־ארבייט פאַר די ניו יאָרקער מאַנופעקטשורער.

און דער פאַקט, דאָס אין אַ פּאָר טעג זיינען אַט די אלע ארבייטער געווען אין סטרייק, רעדט גאַנצע ביכער כאַר די טיכטיגקייט און ווירקזאַמקייט פון אונזער אוט־אָוו־טאַון דעפּאַרטמענט. מען דאַרף געדענקען, אז ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז ניט געווען קיין סמן פון קיין יוניאָן אין די פאַרשידענע שטעטלאַך ארום ניו יאָרק. דער אָפּען שאָפּ האָט דאָרט געהערשט מיט זיין פולסטער הפקרות, און די ארבייטער, מעהרסטענס פרויען, און פון אמעריקאַנער סטאַק, האָבען פון קיין יוניאָן ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען, און איצט זיינען די דאָרטיגע ארבייטער אזוי גוט אָרגאַניזירט און אזוי ציל־באַוואוסט, דאָס גלייך ווי די יוניאָן האָט זיי אויפגעפאָדערט וואַרפען די ארבייט, האָבען זיי [illegible]

[illegible] געפירט מיט דער העכסטער פינקטליכקייט, און אלע שעפער זיינען געבליבען פוסט.

דאָס איז זיכער דער שענסטער אטעסטאַט פאַר די טעטיגקייט פון דעם אוט־אָוו־טאַון דעפּאַרטמענט, ווי אויך פאַר די ארבייטער, וואָס זיינען דאָרט אָרגאַניזירט אין פאַרשיידענע לאָקאַלס און זיינען אזעלכע גוטע יוניאָן־מעמבערס.

דערפאַר טאַקע האָבען זיי איצט קיין אורזאַכע ניט חרטה צו האָבען אויף דעם. אזוי גיך, ווי די יוניאָן האָט אָנגעהויבען סעטלען מיט די מאַנופעקטשורער אין ניו יאָרק, האָט דער אוט־אָוו־טאַון דעפּאַרטמענט, מיט דזשענעראַל סעקרעטער־טרעזשורער, אַב. באַראָף, וויס־פּרעזידענט האַלפּערין, וויס־פּרעזידענט דובינסקי און מיט די לאָקאַלע אָרגאַנייזער, אַן דער שפּיצע, גענומען סעטלען מיט די גע־סטרייקטע פעקטאָריס אין די שטעטלאַך, ווי יאָנקערס, האַקענסאַק און פילע אַנדערע פּלעצער.

דער סעטלמענט איז צוגעגאַנגען שנעל און גוט. אין פילע שעפער האָבען די ארבייטער געקראָגען אַ גאַנץ היבשע העכערונג פון זייערע וויידזשעס. אין איינינע שעפער, ווי וויס־פּרעזידענט האַלפּערין טיילט אונז מיט, האָבען די ארבייטער געקראָגען אַ העכערונג פון צעהן און 15 דאָלאַר פער וואָך.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז די ארבייטער אין די שעפער זיינען מלא שמחה. זיי האָבען אויף אזא גליק זיך ווירקליך ניט גערעכנט. זיי וועלען געוויס דערפון לערנען, אז עס לוינט זיך צו זיין גוטע יוניאָן־לייט, און אז עס איז גאָרניט קיין קרומע זאַך ארויסגעהן אויף אַ סימפּאַטי סטרייק, ווען די יוניאָן האַלט עס פאַר וויכטיג.

לייענט ש. יאַנאָווסקי׳ס אָפּשאַצונג

פון

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי

אין דער

פרייע ארבייטער שטימע

פון היינטיגע וואָך.

ש. יאַנאָווסקי איז געווען זעהר אינטים באַקאַנט מיט יצחק אייזיק׳ס פּערזאָן און טעטיגקייט. אויסער דעם האָט ער אין דער אָפּשאַצונג פאַרעפענטליכט דריי זעהר וויכטיגע בריף פון יצחק אייזיק׳ן וועלכע באַלייכטען פאַרשידענע עפּאָכעס אין די לעצטע 20 יאָהר און וואַרפען אַ שטאַרקע ליכט אויף דעם געזעלשאַפטליכען לעבען דאָ אין לאַנד.

די „פרייע ארבייטער שטימע" איז צו באַקומען אויף אלע סטענדס און אין אָפיס, 48 קאַנעל סטריט.

אינטערנעשאָנאַל יוניאָן באַנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט

אונזער באַנק

האָט אַלע איינריכטונגען פאַר אַלע אייערע באַנק אנגעלעגענהייטען. צאָהלט 4 פּראָצענט אינטערעסט און טיילט די פּראָפיטען מיט אירע דעפּאָזיטאָרס.

שיקט אייער געלד נאָך יוראָפּ צו די ביליגסטע פּרייזען.

פאַר די 6 מאָנאַטען פון אונזער עקזיסטענץ באַשטעהט יעצט אונזער פאַרמעגען פון $2,500,000.00.

צוויי מיליאָן פינף הונדערט טויזענד דאָלער

מיר האָבען איבער 3,000 דעפּאָזיטאָרס ביז יעצט, און די צאָהל פאַרגרעסערט זיך יעדען טאָג.

יעצט איז די צייט צו טראַנספערירען אייער אקאונט. ברענגט אייער באַנק ביכעל און מיר וועלען גלייך אָנפאַנגען צאָהלען פּראָצענט.

International Union Bank

FIFTH AVENUE at 21st STREET

Member Federal Reserve System

דער אגרימענט מיט די סאב־מאנופעקטשורערס אין דער קלאוק אינדוסטריע

דער אגרימענט מיט די סאב מאנופעקטשורערס ביי קלאוקס און דער יוניאן, וועלכע באשטעהט פון פאלגענדע לאקאלס: קלאוק־אפערייטארס, לאקאל 1, פיס־טיילארס און סעמפעל־מאכער יוניאן לאקאל 3, קלאוק און סוט טיילארס יוניאן לאקאל 9, אמאלגאמייטעד ליידיס גארמענט קאטערס יוניאן לאקאל 10, קלאוקמאכער יוניאן פון בראנזוויל, לאקאל 11, ניו יארק ריפער מייקערס יוניאן, לאקאל 17, קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן, לאקאל 23, קלאוק און סוט פרעסערס יוניאן לאקאל 35, דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45, איטאליענער קלאוקמאכערס יוניאן לאקאל 48, באטאנהאל מייקערס יוניאן לאקאל 64, עקזאמינערס, באגראדערס און בושלערס יוניאן, לאקאל 82, איטאליענישע דוויסט און דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 89

1. די אסס'ן (פון סאב מאנופעקטשורערס) פארפליכטעט זיך און איהרע מיטגלידער אפצוהיטען געטריי אלע פונקטען פון דיזען אגרימענט, און די יוניאן פארפליכטעט זיך און איהרע מיטגלידער אפצוהיטען געטריי דעם אגרימענט.

2. (א) יעדער מיטגליד פון דער אסס'ן מוז באשעפטיגען מיטגלידער, וועלכע זיינען גוטשטעהענד אין דער יוניאן. א גוטשטעהענדער מיטגליד אין דער יוניאן איז אזעלכער וועלכער איז ניט שולדיג מעהר ווי צוויי מאנאטען דיוס, און וועלכער טראגט מיט זיך א מיטגלידער־קארד פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

(ב) קיין פארטנער פון א פירמע און קיין פארמאן טאר ניט מאכען די ארבייט פון קיין ארבייטער. אויב א פירמע באשעפטיגט ניט קיין קאטער און עס שטעלט זיך ארויס, אז א מיטגליד פון דער פירמע, אדער דער פארמאן פון דער פירמע האט גענומען די ארבייט פון א קאטער, קען די פירמע באשטראפט ווערען מיט א סומע וואס איז עהנליך אויף די וועכענטליכע מינימום פארדינסטען פון א קאטער, נעמליך 44 דאלאר פאר יעדע ווייאלעישאן פון דעם אגרימענט.

(ג) קיין מיטגליד פון דער אסס'ן זאל ניט אנשטעלען קיין ארבייטער, סיידען יענער ברענגט איהם א יוניאן ווארקינג קארד.

(ד) יעדער מיטגליד פון דער אסס'ן מוז אויפהאלטען א יוניאן־שאפ. א יוניאן־שאפ אונטער דיזען אגרימענט הייסט א שאפ וועלכער באשעפטיגט ניט ווייניגער ווי 14 אפערייטארס און א גענוגענדע צאל ארבייטער פון די אנדערע פאכען וואס זיינען נויטיג אין א שאפ פון אזא סייז.

3. (א) אין יעדען אסס'ן שאפ מוז שטענדיג זיין א שאפ־טשערמאן, ערוועלט פון די ארבייטער, און וועמעס אויפגאבע עס דארף זיין צו זיין דער פארשטעהער פון די ארבייטער אין אלע פארהאנדלונגען מיט די באסעס.

(ב) א פארשטעהער פון דער יוניאן זאל שטענדיג האבען צוטריט צו די ביכער פון די מיטגלידער פון דיזער אסס'ן, כדי צו קענען אכטונג געבען, אז דיזער אגרימענט ווערט ריכטיג דורכגעפירט.

(ג) קיין מיטגליד פון דער אסס'ן, וועלכער איז א סאב־מאנופעקטשורער, און וועלכער ארבייט פאר א מאנופעקטשורער אדער א דזשאבער, זאל אויף קיין פאל און אונטער קיינע אומשטענדען, ניט טארען ארויסשיקען קיין ארבייט אהן דער צושטימונג פון דער אסס'ן און דער יוניאן.

שטונדען

4. א וואך ארבייט זאל באשטעהן פון 44 שטונדען, איינגעטיילט ווי פאלגט:
די ערשטע פינף טעג אין דער וואך זאל מען אנהויבען ארבייטען 8 אין דער פריה און מען זאל ארבייטען ביז 5 נאכמיטאג, מיט איין שטונדע פאר דינער. דעם זעקסטען טאג, שבת, זאל מען ארבייטען פון 8 אין דער פריה ביז 12 מיטאג. זונטאג זאל מען ניט ארבייטען.

5. קיין אווערטיים זאל ניט געארבייט ווערען צווישען נאוועמבער 15טען און דעצעמבער דעם 31טען, און צווישען מאי דעם 1טען און דזשולאי דעם 15טען.
אין די סיזאנס, ווען עס וועט יא ערלויבט ווערען צו ארבייטען אווערטיים, זאל מען ניט ארבייטען מעהר ווי 10 שטונדען א טאג, און בלויז אין די ערשטע 5 טעג פון דער וואך. אלע אפערייטארס, פינישערס, עקזאמינערס און שטיק־שניידער זאלען קריגען פאר אווערטיים טאים ענד א העלף. אלע אנדערע ארבייטער זאלען קריגען דאבעל טאים.

ספעשעל מאשינס

6. די ווייזשעס פון די ארבייטער, וועלכע ארבייטען אויף ספעשעל מאשינס, זאלען באשטימט ווערען לויט א באזונדערען אגרימענט צווישען דער אסס'ן און דער יוניאן.

האלידעיס

7. אלע ארבייטער זאלען קריגען באצאלט פאר די פאלגענדע ליגעל האלידעיס: וואשינגטאן בוירטה־דעי, מעמאריאל דעי, אינדעפענדענטס דעי, לייבאר דעי, טהענקסגיווינג דעי, קריסטמעס, פאר א האלבען טאג יעדען עלעקשאן דעי. און אין דיזע טעג זאלען די ארבייטער ניט ארבייטען.
די ארבייטער מעגען זיך אויך אפזאגען פון ארבייט דעם 1טען מאי, נאר אהן געצאהלט. די איטאליענישע ארבייטער מעגען אויך סטאפען פון דער ארבייט קאלאמבוס דעי, אבער אויך אהן געצאלט.

וויידזשעס

8. (א) אלע ארבייטער וועלכע זיינען באשעפטיגט אלס קאטערס, סעמפעל מאכערס, אפערייטארס, פינישערס, סקוירט און דרעס בייסטערס, פרעסערס, עקזאמינערס, בושלערס און באגראדערס, זאלען קריגען געצאהלט לויט דעם יוניאן מינימום סקייל. די איצטיגע מינימומס ווערען ניט געענדערט.

(ב) די באטאנהאלס זאלען געמאכט ווערען אין דעם אינסייד שאפ פאר א מינימום פון א דאלאר און דרייסיג א הונדערט, און דער באס זאל צושטעלען אלע נויטיגע מאטעריאלען און מאשינערי פאר דער ארבייט.

(ג) קיין ארבייטער זאל ניט קריגען ווייניגער ווי די סקייל, סיידען די, וועלכע צוליב זייער עלטער, אדער אנדערע עהנליכע אורזאכען קענען ניט מאכען די זעלבע מאס ארבייט ווי די אנדערע ארבייטער. די ווייזשעס פון אזעלכע ארבייטער זאלען באשטימט ווערען נאך אן אונטעררעדונג צווישען דעם באס און די ארבייטער, אבער ניט אהן דער צושטימונג פון דער יוניאן.

(ד) נאך א טרייעל פון איין וואך צייט מוזען די ווייזשעס פון א נייעם ארבייטער באשטימט ווערען לויט דעם סטענדארד וואס עס הערשט אין יענעם שאפ.

(ה) די אסס'ן געהט איין אויף דעם, אז איהרע מיטגלידער זאלען ניט שניידען קיין ווייזשעס, און אז יעדער רעיז וואס די ארבייטער וועלען באקומען זאל זיין אין קראפט אזוי לאנג ווי עס וועט זיין אין קראפט דיזער אגרימענט.

(ו) יעדער באס זאל האלטען א פעיראל בוך, אין וועלכען עס זאל פארשריבען ווערען וואס יעדער ארבייטער פארדינט, און א קאפיע פון דיזען בוך זאל יעדען מאנאט צוגעשטעלט ווערען צו דער יוניאן.

(ז) די מיטגלידער פון יעדען אסס'ן זאלען צונויפשטעלען א ליסטע פון אלע פרייזען און פון די פארדינסטען פון יעדען ארבייטער, און דיזע ליסטען זאלען אונטערגעשריבען ווערען פון די שאפ־טשערלייטע און צוגעשטעלט ווערען צו דער יוניאן.

(ח) ווייזשעס זאלען געצאהלט ווערען אין קעש יעדע וואך.

סטענדארדס און קאנדישאנס.

9. (א) מיטגלידער פון דיזער אסס'ן מוזען באשעפטיגען ווייניגסטענס 14 אפערייטארס (און ווייניגסטענס די זעלבע צאל וואס ער האט ביז איצט באשעפטיגט, אויב די צאהל איז געוועזען מעהר ווי 14) און אנדערע ארבייטער וועלכע זיינען נויטיג אין דעם שאפ.

(ב) אלע ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט נאך דעם ווי דיזער אגרימענט ווערט אונטערגעשריבען, זאלען נאך איין וואך פראבע־צייט באטראכט ווערען אלס רעגולאר אנגעשטעלטע און זאלען זיין בארעכטיגט צו אלע בענעפיטס און פריווילעגיעס און זאלען זיין אונטערווארפען אלע אבליגיישאנס פון דיזען אגרימענט.

(ג) אלע סקוירטס זאלען געמאכט ווערען אין אינסייד שעפער, און אויב א באס וועט ניט קענען מאכען די סקוירטס אין זיין שאפ, זאל ער באשטימען א יוניאן־קאנטראקטאר וועלכער זאל פאר איהם ארבייטען. ער מוז אבער דעם קאנטראקטאר ניט אפזאגען ביז ענדע סיזאן, און דער קאנטראקטאר מוז האבען ווייניגסטענס 10 מאשינען.

(ד) די יוניאן און די אסס'ן, זייענדיג געגען אינדיווידועלע צייט־קאנטראקטען, באשליסען, אז קיין מעמבער פון דער אסס'ן טאר ניט מאכען קיין אינדיווידועלען קאנטראקט מיט קיין מיטגליד פון דער יוניאן.

(ה) קיין מיטגליד פון דער אסס'ן טאר ניט פארקלענערען די צאהל ארבייטער. אן ארבייטער מעג זיך אבער, מיט דער צושטימונג פון דער יוניאן, באפרייען פון דער ארבייט אין דער סלעק־צייט. אין אזא פאל טאר אבער דער באס ניט אנשטעלען קיין אנדער ארבייטער אויף דעם פלאץ פון יענעם, וועלכער איז פרייוויליג אוועק אויף א ווייל'ע.

10. (א) קיין קאנטראקטינג אדער סאב־מאנופעקטשורינג זאל ניט געטאן ווערען אין שאפ.

(ב) דער באס זאל צושטעלען אלע עלעקטרישע מאשינען און מאטעריאל וואס איז נויטיג צו דער ארבייט.

(ג) קיין באס זאל ניט דירעקט אדער אינדירעקט האנדלען מיט א קאנטראקטאר ביי וועלכען עס איז א סטרייק.

(ד) אויב א מיטגליד פון דער אסס'ן איז אן אינדיפענדענט מאנופעקטשורער, דאס הייסט, ער מאכט קליידער פון זיין אייגענער ווארע, און ער נויטיגט זיך אין אויטסיידיגע ארבייט, זאל ער מעגען באשעפטיגען א צאהל קאנטראקטארס אדער סאב־מאנופעקטשורערס וואס זאלען פאר איהם ארבייטען. ער טאר אבער ניט צולאזען, אז זיינע אינסייד ארבייטער זאלען בלייבען אהן ארבייט, און ער מוז זיין פאראנטווארטליך אז די ארבייטער אין די שעפער פון די סאב מאנופעקטשורערס וועלען קריגען באצאהלט.

(ה) אויב א מיטגליד פון דער אסס'ן, וועלכער ארבייט פאר א דזשאבער, שיקט ארבייט אין אן אויטסייד שאפ, אהן דער צושטימונג פון דער יוניאן, זאל איהם די אסס'ן דאס ערשטע מאל באשטראפען מיט א געלד שטראף און דאס צווייטע מאל איינגאנצען אויסשליסען.

(ו) די אסס'ן פארפליכטעט זיך, אז ווען די יוניאן וועט איהר ווען לאזען וויסען, אז דער סאב מאנופעקטשורער אדער קאנטראקטאר קומט ניט נאך די פאדערונגען פון דער יוניאן, וועלען איהרע מעמבערס צוריקציהען די ארבייט פון אזעלכע סאב־מאנופעקטשורערס אדער קאנטראקטאר.

(ז) יעדער מיטגליד פון דער אסס'ן מוז צושטעלען דער יוניאן א ליסטע פון די דזשאבערס פון וועמען ער באקומט ארבייט, צוגעשניטענע אדער ניט־צוגעשניטענע, און קיין מיטגליד פון דער אסס'ן זאל ניט אפמאכען די ארבייט פאר קיין דזשאבער, וועלכער איז ניט פארבונדען מיט דער יוניאן.

(ח) די אסס'ן זאגט צו, אז קיינע פון איהרע מיטגלידער וועלען ניט מאכען די ארבייט פאר קיין פירמע געגען וועלכער די יוניאן האט ערקלערט א סטרייק.

(ט) אויב א מיטגליד פון דער אסס'ן וועט ניט באצאהלען די ארבייטער זייערע ווייזשעס, און דאס געלד וואס וועט איינגעמאנט ווערען פון די דזשאבערס וועט ניט זיין גענוג צו דעקען א פולע וואך ווייזשעס, זאל די אסס'ן דערלעגען דאס איבעריגע.

11. אין אזעלכע צייטען, ווען די באסעס וועלען ניט האבען גענוג ארבייט פאר אלע ארבייטער, זאל די ארבייט צערטיילט ווערען גלייך צווישען אלע ארבייטער.

לעיבעל

12. די דזשאינט באארד פון סאניטארי קאנטראל זאל אויסקלייבען א לעיבעל פאר די קליידער, וואס ווערען געמאכט אין סאניטארי שעפער, און דער לעיבעל זאל פארקויפט ווערען צו אלע באסעס וואס האבען יוניאן שעפער. קיין מיטגליד פון דער אסס'ן טאר ניט האנדלען מיט קיין ווארע וואס האט ניט דיזען לעיבעל.

ארבייטסלאזען פארזיכערונג

13. די אסס'ן זאל העלפען דער יוניאן עטאבלירען אן אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד פאר די מיטגלידער פון דער יוניאן. די באסעס זאלען פון דעם פאנד צאהלען צוויי פראצענט פון דעם וועכענטליכען פעי־ראל און די ארבייטער איין פראצענט פון זייערע וועכענטליכע ווייזשעס.

סאניטארי קאנטראל באארד.

14. די אסס'ן זאגט צו, אז אלע איהרע מיטגלידער וועלען אפהיטען אלע רולס פון דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל און וועלען העלפען די באארד אויפצוהאלטען.

פארשידענעס

15. (א) קיין באס טאר ניט ענטזאגען קיין ארבייטער, סיידען יענער האט זיך ניט ריכטיג אויפגעפיהרט, ביז וואנען ער האט ניט פריהער געלאזט וויסען דער יוניאן וואס די קלאגע איז געגען דעם ארבייטער וועמען ער האט בדעה אוועקצושיקען. די יוניאן דארף אין אזא פאל אונטערזוכען די קלאגע אין 48 שטונדען.

(ב) די אסס'ן געהט איין אויף דעם, אז ביי סעמפעל ארבייט זאלען ארבייטען בלויז שטיק־ארבייטער פון די לאקאלס 3 און 48.

(ג) אלע דעזיינערס מוזען זיין יוניאן־לייט, מיטגלידער פון דעם דעזיינערס יוניאן לאקאל 45.

נייע מיטגלידער

16. איידער די אסס'ן נעהמט אויף א נייעם מיטגליד, מוז זי לאזען וויסען דער יוניאן, און אויב די יוניאן מאכט ניט קיין קאמפליינט געגען יענעם אין פארלויף פון איין וואך צייט, ווערט דער אפליקאנט א מיטגליד.

17. עס זאל ניט זיין קיין לאקאוט און קיין סטרייק אין די שעפער פון די מיטגלידער פון דער אסס'ן אזוי לאנג ווי דיזער אגרימענט איז אין קראפט.

קאמפליינטס

18. אלע קאמפליינטס, אדער מיספארשטענדניסע צווישען די צוויי צדדים — די יוניאן און די דזשאבערס — וועלכע האבען צו טאן מיט דער פארטייטשונג פון דיזען אגרימענט, זאלען אויסגעגליכען ווערען אויף אזא אופן:

דער געקריוודעטער זאל אויסשרייבען זיינע קריוודעס און זיי פארלייגען פאר'ן צווייטען צד. דער מענעדזשער פון דער אסס'ן און דער מענעדזשער פון דער יוניאן, אדער זייערע פארשטעהער, זאלען ביידע צוזאמען באטראכטען דעם קאמפליינט און טרייען די זאך צו שליכטען. די דעסיזשאנס פון די מענעדזשערס אדער זייערע פארשטעהער זאלען זיין בינדענד פאר ביידע צדדים.

אויב די מענעדזשערס וועלען זיך ניט קענען איינינגען, זאל די פראגע, אדער קאמפליינט, איבערגעגעבען צו א טרייעל באארד, וועלכע זאל באשטעהן פון איין מיטגליד פון יעדער ארגאניזאציע, וועלכע מאכט דיזען אגרימענט, און א שטענדיגען אימפארשעל טשערמאן. דער אימפארשעל טשערמאן זאל ערוועהלט ווערען פון ביידע צדדים צוזאמען מיט דעם מיירטשענטס גארמענט ליידיס אסס'ן. אויב מען וועט זיך ניט קענען איינינגען אויף אן אימפארשעל טשערמאן אין צוויי וואכען צייט, זאל די אדווייזארי קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען פון'ם גאווערנאר פון ניו יארק סטייט, באשטימען דעם טשערמאן.

יעדע קייס זאל באטראכט ווערען באזונדער, און קיין קייס זאל ניט געברויכט ווערען אלס פרעצעדענט פאר אן אנדער קייס. אויב דער אימפארשעל טשערמאן וועט רעזיגנירען, זאלען ביידע צדדים אנשטעלען אן אנדער פערזאן אלס אימפארשעל טשערמאן, אויב די צוויי צדדים וועלען זיך ניט קענען איינינגען אויף א פערזאן אין פינף טעג צייט זאל יעדער צד האבען דאס רעכט זיך צו ווענדען צום סופרים קאורט פון ניו יארק, און דער געריכט זאל אנשטעלען אן אימפארשעל טשערמאן.

19. אלע רולס און רעגולייישאנס, וועלכע ווערען דא דערמאנט, און אלע אנדערע פונקטען, וועלכע וועלען נויטיג זיין אום דורכפיהרען דיזען אגרימענט און וועלכע זיינען דא נאך ניט דערמאנט געווארען, זאלען באטראכט ווערען אויף א קאנפערענץ פון ביידע צדדים ניט שפעטער ווי אין דריי וואכען נאך דעם ווי דיזער אגרימענט וועט אנגענומען ווערען. און אויב אירגענד וועלכע פון די צוויי צדדים וועט זיך שטעלען געגען אזא אדער אזא פונקט, זאלען יענע פונקטען געשליכטעט ווערען אויף דעם זעלבען אופן ווי עס איז אנגעוויזען געווארען פריהער — דאס הייסט, דורך די מענעדזשערס פון די צוויי קערפערשאפטען אדער דורך אן אימפארטייאישען טשערמאן.

20. די אסס'ן זאגט צו צו קאאפערירען מיט דער עקספערטען קאמיטע, וועלכע וועט אנגעשטעלט ווערן פון'ם גאווערנאר'ס קאממיסיע צו שטודירען די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע.

סעקיוריטי

21. די אסס'ן שטימט צו איינצושטעלען אלס סעקיוריטי א סומע, וועלכע וועט שפעטער באשלאסען ווערען, און די געלד זאל דעפאזיטעט ווערען אין א באנק אויף די נעמען פון דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און פון דעם פרעזידענט פון דער אסס'ן. אויב א מיטגליד פון דער אסס'ן וועט ברעכען דעם אפמאך מיט דער יוניאן און ער וועט באשטראפט ווערען מיט א געוויסע סומע, זאל די סומע ארונטערגענומען ווערען פון דיזע סעקיוריטי געלדער.

22. די יוניאן פארפליכטעט זיך ניט צו מאכען קיין קאנטראקט מיט קיין פערזאן און מיט קיין פירמע, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער קלאוקס, סוט אדער סקוירט אינדוסטריע, לויט וועלכען יענע פערזאנען אדער פירמעס וועלען קריגען אזעלכע בענעפיטס אדער פארציגע, וועלכע די מיטגלידער פון דיזער אסס'ן באקומען ניט.

דיזער אגרימענט ווערט אנגענומען אויף איין יאהר צייט.

די דרעסמאכער אין שיקאגא גרייטען זיך שוין צו א נייעם סטרייק

איינער וואלט געקאנט מיינען, אז נאך דעם גרויסען סטרייק, וואס האט אנגעהאלטען פיער מאנאטען, זיינען די דרעסמאכער פארמאטערט, פארצווייפעלט, און עס הויבען זיך ניט די הענט עפעס צו טאן. אבער דאס איז גארניט ניט דער פאל. דער דרעסמאכער לאקאל אין שיקאגא איז איצט איינער פון די לעבעדיגסטע און ענערגישסטע אין אונזער אינטערנעישאנאל, און עס ווערען שוין געשמידט [illegible] פאר דעם קומענדען [illegible].

די דרעסמאכער פערטשערס אין שיקאגא, וועלכע זיינען געבליבען ביי זייערע סקעב־שעפער, פיהלען, אז דער קאמף איז נאך ניט געענדיגט. זיינען זיי געפאלען אויף אזא חכמה. פון איין זייט טוען זיי אן די מיידלאך, וואס ארבייטען אין זייערע שעפער, געהאקטע צרות, אום צו דערשלאגען זייער מוט, און מאכען עס אוממעגליך פאר זיי זיך אנצושליסען אן דער יוניאן. פון דער אנדערער זייט האבען זיי גנעדיגסט ערלויבט זייערע קאטערס צו בילדען אן אייגענע יוניאן. מיידלאך, זאגען די אויפגעקלערטע שיקאגאער מאנופעקטשורער, דארפען קיין יוניאן ניט. ווי קומט א יוניאן צו דעם איידעלען געשלעכט, ווען עס איז אזא מצוה צו עקספלואטירען? אבער מענער מעגען יא בילדען א יוניאן. די כוונה איז אפצורייסען די מענער־ארבייטער פון די פרויען. און די פרויען, ניט האבענדיג אליין די נויטיגע איניציאטיווע, וועלען דארום בלייבען שטענדיגע שקלאפינס פאר די מאנופעקטשורער.

נו, איז אבער אונזער יוניאן דא, און זי פאסט שוין אויף אויף צו מאכען א גראבען שטריך איבער די חשבונות פון די שיקאגאער דרעס־מאנופעקטשורער, און עס קומען צו אלץ מעהר און מעהר נייע מעמבערס אין דעם דרעס־מאכער לאקאל.

ריידענדיג פון די דרעס־מאכער, זאל שוין דא אויך דערמאנט ווערען, אז אזוי שנעל, ווי דער סטרייק איז צוריקגערופען געווארען, און עטליכע הונדערט ארבייטערינס זיינען געבליבען אהן ארבייט, האבען אלע דרעסמאכער זיך געטעקסט מיט א דאלאר א וואך פאר די אויסגעבליבענע, וואס מען האט געצאהלט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. עס איז נאר שלעכט דאס, וואס אין די מעהרסטע דרעס־שעפער הערשט א שטארקע ארבייטסלאזיגקייט, אזוי, דאס פילע זיינען ניט אימשטאנד צו ערפילען זייער פליכט צו זייערע שוועסטער.

אין אלגעמיין געהט אן דער לאקאל מיט זיין געוויינליכער ארבייט, און אלעס ווערט אויסגעפיהרט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. לעצטע וואך איז פארגעקומען א ספעשעל מיטינג, אויף וועלכען נייע אפיסערס זיינען אויסערוועהלט געווארען, אויך זיינען פארגענומען געווארען ווייטערע טעטיגקייטען.

דער קלאוקסמאכער קאמף אין באלטימאר צופלאקערט זיך אלץ שטארקער און שטארקער

(שלוס פון זייט 1)

ווי שוין ארעסטירט און געשטעלט אונטער אנקלאגען. דער פאקט איז אבער, דאס די פיקעטס האנדלען גאנץ געזעצליך. מאלט אייך, א צייטונג, ווי די „באלטימאר דיילי פאסט“, וואס מען קען ניט פארדעכטיגען אין באזונדערער סימפאטיע מיט די סטרייקער, איז ארויסגעטראטען גאנץ שארף געגען די ברוטאליטעט פון דער באלטימארער פאליס. זי פאדערט, אז דאס רעכט פון פרייער פארזאמלונג, פרייער רעדע זאל אין דעם סטרייק ניט פארגוואלדיגט ווערען פון דער זייט פון די פאליס.

דאס אליין איז דער בעסטער באווייז, אז די בעלי בתים אין באלטימאר פיהלען זיך גאנץ פארצווייפעלט. אמת, זיי מאכען אן אנשטעל פון זיין ביי זיך זעהר שטייף. איינער פון די באסעס האט זאגאר זיך אויסגערעדט פאר א צייטונגס־רעפארטער, אז אנשטאט באוויליגען די ארבייטער זייערע גערעכטע פאדערונגען, וועלען זיי זיי געבען גענוג שטריק זיך אויפצוהענגען. אבער, ווי באקאנט, דער הונד, וואס בילט זעהר הויך, קען וועניג־וואס בייסען. די באלטימארער סוועטערס ווייסען, אז זייער שטונדע האט געשלאגען, אז זיי מוזען אדער ווערען ריכטיגע מאנופעקטשורערס, אדער זיי מוזען אין גאנצען פארלאזען די קלאוק־ביזנעס. משמעות, זיי ווייסען, אז צו ווערען ריכטיגע מאנופעקטשורערס זיינען זיי אונפעהיג. זיי קענען נאר זיין פיאווקעס, וואס לעבען אויף די בלוט, וואס זיי זויגען אויס פון די אויסגעשוואכטע ארבייטער, דארום זייער פארצווייפעלטער קאמף.

אבער עס וועט זיי קיין זאך ניט העלפען. די פאליס וועט נאר באלד מוזען איינשטעלען איהרע נידערטרעכטיגקייטען. די עפענטליכע מיינונג איז צו שטארק ענטריסטעט געגען זייערע האנדלונגען. די עטליכע סקעבס, וואס זיי האבען נאך אין זייערע שעפער, וועלען אויך באלד פארלאזען זיי, און זיך אנשליסען אן די רייהען פון די קעמפער. עס איז נאר א פראגע פון טעג. און, ווען אפילו ניט, קענען זיי אויך ווייניג־וואס אויפטאן מיט זיי, דערפאר איז דער זיג פון די באלטימארער קעמפער זיכער.

פילע פראמינענטע מענשען טרייען צו ברענגען צו א סעטלמענט צווישען דער יוניאן און די בעלי בתים. מיר ווייסען ניט, אויף וויפיל דער פארזוך וועט געלינגען. איין זאך איז זיכער, די יוניאן קען ניט און וועט ניט אפווייכען פון די געשטעלטע פאדערונגען, וועלכע זיינען די זעלבע, וואס די ניו יארקער קלאוק מאנופעקטשורערס, דזשאבערס און סאב־מאנופעקטשורערס האבען נאכגעגעבען. קען דארום פאסירען, אז די גוטע כוונות פון די, וואס ווילען זיך אריינמישען אין דעם קאמף, וועלען זיין אומזיסט.

עס איז אויך דא א פארשלאג זיך צו ווענדען צו גאווערנאר ריטשיע פון מערילענד, וועלכער זאל באשטימען א קאמיטע אויסצוהערען ביידע צדדים אויף דעם שטייגער, ווי גאווערנאר סמיטה האט עס געטאן. געוויס קען די יוניאן גאר ניט האבען געגען אזא פארשלאג, ווארים איהר קייס איז קלאר. זי וויל ניט און קען מעהר ניט דולדען די שרעקליכע סוועטעריי, וואס געהט אן אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין באלטימאר.

וואס אבער עס זאל זיך ניט אויסלאזען פון אלע פארשלאגע צו סעטלען פרידליך דעם סטרייק, אבער דאס האט ניט די מינדעסטע ווירקונג אויף דעם גרויסען און ענערגישען קאמף פון די סטרייקער.

ווי ברודער ס. פאלאקאף, דער פיהרער פון סטרייק, טיילט אונז מיט, האבען די סטרייקער זיך ארויסגעוויזען צו זיין העכסט בראוו, ענערגיש און ענטשלאסען אויסצופעכטען דעם קאמף, מעג עס קאסטען, וואס עס וויל.

די ביסעל סקעבס, וואס זיינען דא, זיינען נאך אלעמען פון קנאפער וויכטיגקייט. אין אלגעמיין איז די קלאוק־אינדוסטריע אין באלטימאר פאראליזירט, און די סטרייקער זיינען ענטשלאסען צו האלטען איהר פאראליזירט, ביז די יוניאן וועט האבען דערגרייכט דעם ציל, וואס זי האט זיך געשטעלט — צו מאכען איין מאל פאר אלע מאל א סוף צו דעם סוועט־שאפ אין באלטימאר.

איבערבויאונג פון די קלאוס שעפער אין ניו יארק כמעט געענדיגט

(שלוס פון זייט 1).

דער גאווערנאר־קאמיסיע, וועלכע פון איהר זייט וועט האבען א זיצונג אויף מארגען, פרייטאג, דעם 1טען אויגוסט, און וועט אפגעבען איהר ענדגילטיגע אנטשיידונג איבער די פראגען, איבער וועלכע די צדדים האבען ניט געקענט מושוה ווערען.

אויף דער קאנפערענץ פון דער גאווערנאר־קאמיסיע וועט, ווי עס ווערט ערווארטעט, אויך באקאנט געמאכט ווערען דער עקספערטען־פערסאנאל, וועלכען די גאווערנאר־קאמיסיע האט אפאינטעט פאר די קומענדע אונטערזוכונג, וואס איז פארגעזעהן געווארען אין דעם אגרימענט צווישען דער יוניאן און די בעלי בתים.

און אט מיט די קאנפערענצען ווערט דערווייל געשלאסען איינער פון די שעהנסטע און וויכטיגסטע קאפיטלען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל.

שטארקער ארגאניזיישאן קאמפיין אין טאלידא

(שלוס פון זייט 1.)

נייזער, וויצע־פרעזידענט פערלשטיין, און די ארבייט פון דעם לאקאל־ארגאנייזער, ברודער בארקין, האט שוין געבראכט גוטע פרוכט. דער האלב־פאר׳חש׳טער לאקאל 67 איז איצט ווידער א גוטער, געזונטער לאקאל מיט נאר א היבשע צאהל מיטגלידער, און די ערווארטונג איז, אז גאר גיך וועט דער לאקאל זיין אזוי שטארק, ווי ער איז געווען אין זיינע בעסטע צייטען, און וועט זיין אימשטאנד אויפצונעמען דעם קאמף געגען די טאלידא קלאוק־מאנופעקטשורער וועלכע האבען זיך איינגעריכט אז זיי קענען מאכען קלאוקס אהן יוניאן־לייט.

עס פארשטעהט זיך, אז לאנג האט די אקטיוויטעט פון דער אינטערנעשאנאל דורך איהרע רעפרעזענטאנטען ברידער פערלשטיין און בארקין, ניט געקענט בלייבען קיין סוד פאר די מאנופעקטשורער, און זיי האבען ארויסגעלאזען אן אוקאז, אז יעדער ארבייטער, וואס וועט זיך אנשליסען אן דער יוניאן, קריגט גלייך די סעק. אין א פאר פעלע האבען זיי אויך זייער אוקאז אויסגעפיהרט. אבער דאס האט געהאט פונקט די אנטגעגענגעזעצטע ווירקונג. ביי גאר פילע קלאוק־מאכער האט דער אוקאז ארויסגערופען א גוואלדיגע אנטרעסטונג. זיי האבען ערשט דערפיהלט, וואס פאר א שקלאפען זיי זיינען. די בלוט פון די אמאליגע יוניאן־לייט האט אויפגעזאדען פון דער באסישער טיראניי און אין די צעהנדליגע האבען זיי זיך אנגעשלאסען אן די יוניאן.

נאטירליך, זיי האבען דאס דערווייל געטאן בשתיקה. דאס זיינען די מאראנען אין טאלידא, ווי דאס זיינען געווען די אידען אין דער צייט פון דער שפאנישער אינקוויזיציע, ווען זיי האבען געמוזט זיין אידען באהאלטענערהייט. און פונקט, ווי די דאזיגע שפאנישע מאראנען זיינען דערפאר געווארען אלץ הייסערע און פריימערע אידען, אזוי זיינען די יוניאן־מאראנען אין טאלידא איצט אלץ הייסערע יוניאן־לייט, און זיי ווארטען מיט ברענענדער אומגעדולד אויף דעם טאג, ווען זיי וועלען קענען ארויסקומען עפענטליך, אלס יוניאן־לייט, און געבען די באסעס דעם נויטיגען שטארקען פיים פאר זייער פרייהייט און מענשליכקייט.

און דאס פארשטעהען די באסעס. זיי ווייסען, אז די יוניאן ווערט שטארקער פון טאג, און וועהרענד זיי האבען זיך ערלויבט אויסצופיהרען זייער סטראשונאק געגען א פאר ארבייטער, קאנען זיי עס אבער ניט טאן געגען די מאסען. עס וואלט זיי אויסגעקומען צוצושליסען זייערע שעפער. דערפאר איז איין מאנופעקטשורער געפאהרען אויף דער נאהענטער באן צו צווינגען זיינע ארבייטער, וועלכע [illegible] ארום פיער הונדערט, צו גרינדען זייער אייגענע שאפ־יוניאן. טאמער וועט דאס העלפען. די ארבייטער, ניט האבענדיג קיין אנדער ברירה, האבען געמוזט פאלגען דעם באסישען פלאן פון א קאמפאני־יוניאן, אבער פילע פון זיי געהערען געהיימערהייט צו לאקאל 67 פון דער אינטערנעישאנאל, און עס קאן זעהר לייכט פאסירען, אז מר. גאלדמאן, דער פארשטעהער פון דער פירמע קאהן, פרידלענדער און מארטין, מיט וועלכען אונזער אינטערנעישאנאל האט אלטע חשבונות, זאל באלד חרטה קריגען אויף זיין פלאן. ווארום ווי־ניט־ווי העלפט ער דערווייל זיינע ארבייטער צו ארגאניזירען זיך, צו האנדלען געמיינשאפטליך. ער טוט, ניט ווילענדיג, גוטע פארבאריימענדע ארבייט פאר די יוניאן.

אז פריהער אדער שפעטער וועט מוזען קומען צו א גרויסען דזשענעראל סטרייק אין טאלידא, וועגען דעם קאן ניט זיין דער מינדסטער צווייפעל. די לאגע פון די טאלידאער קלאוקמאכער איז ווירקליך אן אומערטרעגליכע. די מעהרסטע ארבייטער מאכען א געמאטערט לעבען. זיי קריגען די קלענסטע וויידזשעס, ארבייטען די לענגסטע שטונדען, און דער שאפ איז פאר זיי אן אמת'ער פריזאן.

פאראן אייניגע ארבייטער, וועלכע זיינען גוט־אפ, ווייל די בעלי בתים האבען זיי געמאכט פאר אינסייד קאנטראקטארס. אונטער זיי ארבייטען מיידלאך פאר די מיזעראבעלסטע וויידזשעס, אבער די קאנטראקטארס פארדינען גאנץ שעהנע וויידזשעס. און דאך זיינען דא צווישען די קאנטראקטארס פילע, וועמען די שעהנע וויידזשעס געהען ניט איין, ווען זיי בארעכענען, וואס פאר א בלוט־געלט דאס איז, און ווען זיי דערמאנען זיך, אז נאך גאר נים לאנג צוריק זיינען זיי געווען גוטע יוניאן־לייט, וועלכע האבען געקענט קוקען יעדען מענשען גלייך אין די אויגען, און נים געדארפט אראפלאזען זייער קעפ אין שאנדע. איצט קאנען זיי נים, זיי פיהלען ווי שטארק זיי זיינען געזונקען, און עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס ווען די שטונדע פון קאמף וועט שלאגען, וועלען פילע פון זיי שטעהן מיט דער יוניאן. אבער דאס איז א זאך פאר שפעטער. דערווייל געהט אן א לעבעדיגע ארגאניזיישאן־ארבייט צווישען די קלאוקמאכער פון טאלידא, און דער קלאוקמאכער לאקאל פון טאלידא ווערט פון טאג צו טאג שטארקער און שטארקער.

צו די סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס און דזשאינט באארדס

כמעט

אלע אונזערע מעמבערס לעזען די „גערעכטיגקייט“ און עס וועט פאר אייך זיין פראקטישער און מאקע ביליגער, ווען איהר וועט אדווערטייזען אין דער „גערעכטיגקייט“, אלע אייערע ספעציעלע און אויב נויטיג רעגעלע מיטינגס, און אלע אנדערע באשליסע מיט וועלכע איהר ווילט באקאנט מאכען די מעמבערס פון אייער לאקאל.

געוויינט איין די מעמבערס צו דערוויסען זיך אלעס וועגען דער יוניאן, דורך זייער אייגענער צייטונג, סיי דורך סעקרעטעריאלע באריכטען און סיי דורך אדווערטייזמענטס, וועלכע ווארפען זיך געוועהנליך מעהר אין די אויגען.

“GERECHTIKEIT”
3 WEST 16th STREET, NEw YORK, N. Y.

FALLS MILL HOUSE

H. HOFFMAN, Prop. CALLICOON, SULLIVAN CO., N. Y.

דער פלאץ מיט די פילע בלומען, א אידעאלער פלאץ פאר די וואס זוכען רוה און פארגעניגען. פרישע עסענס און גוט געקאכט, שעהנער סייד צום באדען און פישען. אלע באקוועמליכקייטען. אויך [illegible] קאנצערטס. אלעס איז סטריקטלי כשר.

דיירעקשאנס: ביי דער 23טער סטרים פערי נעהמט א בילעט אויף דער ערי ריילראוד און קומט צו קאליקון סטיישאן. אונזער אויטאמאביל וועט אייך אפווארטען.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VI. No. 31. New York, Friday, August 1, 1924.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

פראקטישע פארשלעגע פאר די גרינדונג פון אן עמפלאימענט ביורא

רעדאקציע „גערעכטיגקייט": —

עס קומט א דאנק ציליע טשארנאוויטש פאר אגיטירען וועגען דער וויכטיגקייט פון אן עמפלאימענט ביורא. אין אייער ענטפער צו איהר אין די קורצע שמועסען, באטאנט איהר, פריינד יאנאווסקי, די שוועריגקייטען צו פארוואנדלען די טעאריע אין דער פראקטיק. איך האב די לייזונג צו דער פראגע און איך שטיץ זיך אויף מיין 20 יעהריגער ערפארונג, אלס דזשאב זוכער, וועלכע גיט מיר דאס רעכט אנצואווייזען וואס עס דארף געטאן ווערען, אום די ביורא זאל זיין דער גרעסטער ערפאלג.

צוערשט קומט דער פונדאמענט, אהן וועלכען קיין בנין ווערט ניט געבויט; איז דער פונדאמענט פון זאמד, וועט זיך די בילדינג פריער אדער שפעטער צופאלען; פארקערט, איז דער פונדאמענט פון קאנקרים, וועט די בילדינג שטעהן פעסט לדור דורות. מיט דעם איינפיהרען און איינשטעלען ארדנונג אין קלאוקס טרייד אין איינקלאנג מיט די לעצטע אגרימענטס האט די יוניאן ש ו י ן געשטעלט דעם קאנקריטען פונדאמענט פאר דער צוקונפטיגער בילדונג. איצט וועלען מיר זיך נעמען צו די ווענט, טירען און פענסטער, וועלכע פארהיטען אונז פון קעלט און היץ, גיבען אונז ליכט און מאכען דאס ארייינקומען און ארויסגאנג אזוי לייכט, ווי מעגליך.

ביז איצט האט מען געקענט זוכען א דזשאב אדער דורכ'ן פייפער, אדער דורך א באקאנטען, אדער גאר אין מארקעט. וויפיל טעג און וואכען עס ווערט פארשווענדעט אויף אזא סארט זוכעניש און וויפיל צרות און אנגסט עס קומט אויס אויסצושטיין, וועלען אייך זאגען די וואס געהען ארום זוכען דזשאבס. עס איז אבער ביז איצט קיין אנדער ברירה ניט געווען, ווען דער טרייד איז געווארען אזוי צופיצעלט און צוברעקעלט. אנדערש וועט עס זיין איצט. מיר וועלען האבען צו טאן מיט א פאראנטווארטליכען מאנופעקטשורער, וועלכער וועט ווי אויסנוצען זיינע ביזנעס פעהיגקייטען אויף א ביזנעסמעסיגען אופן. קיין אונטערנעהמער וועט ניט פארשווענדען קיין איבעריגע צייט אנשטעלענדיג ארבייטער, ובפרט נאך וואכען הענד, אויף דעם פרינציפ פון „טרעף אדער פעהל". עס איז ניט קיין שפילכעל. עס איז איינע פון די שווערסטע פראבלעמען. אן די ריכטיגע ארבייטער, סיי אין קוואליטעט און סיי אין פראדוקציאנס פעהיגקייט, ווענדעט זיך דער גאנצער סוקסעס פון דעם אונטערנעמער. נישט איין מאנופעקטשורער שטעלט זיך די פראגע: וואו נעם איך די ר י כ ט י ג ע לייטע? אויף ביזען באזיס קאן זיך די ביורא אונטערנעמען צוצושטעלען לייטע, ווי מ'זאגט, דעם ריכטיגען מאן אויפ'ן ריכטיגען פלאץ. די ביורא מוז קודם כל דורכפיהרען א רעגיסטראציע פון דעם אינוועטאר. דאס הייסט פשוט, יעדער מעמבער פון דער יוניאן זאל אנגעבען אין דער קארד וואס ער קען נייען, פרעסען אדער פינישען. ביי וועלכער ליין געארבייט. גוטע, מעסיגע אדער בילינע. וואס איז זיין ספעציאליטעט. האבענדיג א ספעציפיקאציע פון יעדען אפליקאנט וועט פאר דער ביורא גאר ניט שווער זיין צו שיקען אויף פלעצער די ריכטיגע לייטע, צו דער צופרידענהייט פון ביידע צדדים.

ווי אזוי־זשע אבער מאכט מען, אז אונזערע בעלי בתים זאלען זיך ווענדען כ ל ו י ז צו אונזער ביורא נאך די ארבייטער? וועל איך אייך פרעגען: ווי אזוי מאכט מען אז מיר זאלען קויפען בלויז די און די זייף? שוין יאהרען און יאהרען אז א גרויסער זייף מאנופעקטשורער פיהרט אן אן אדווערטייזינג קאמפיין פאר זיין פראדוקט. אזוי דאס דער נאמען פון דער זייף איז ביי יעדען אויף די ליפען. גליקליכערווייזע איז דער פראדוקט זעהר און זעהר לויבענסווערט און איז טאקע דערפאר זעהר פאפולער. און אז מ'דארף א שטיקעל זייף פרעגט מען פאר איהר און אז מ'לעגט אונז פאר אנדערע, אנטזאגען מיר זיך טאקע צו קויפען. אגב איז זי בילינ אויך. פרעג איך, פארוואס ניט אנפיהרען אן אינטענסיווען קאמפיין צווישען מאנופעקטשורערס, פעריאדיש און אפט מיט צירקולארס און א ברייטען אדווערטייזמענט אין די טרייד פייפערס, און אין יעדען ארט וואו עס איז נאר מעגליך?

פאר דער אידעע פון צונויפברייננגען דעם נויטיגען עלעמענט אין דער פראדוקציע פון דער קליידער אינדוסטריע, אין היינטיגע מאדערנע צייטען, מוזען מיר זיך באנוצען מיט מאדערנע מעטאדען. מיר קענען זיך ניט ערלויבען דעם פארגעניגען צו זיין אלטמאדיש. קוים געלינגט דער ערשטער פארזוך, מעגט איהר זיכער זיין אז בליץ־שנעל וועט דאס פארשפרייט ווערען צווישען די מעמבערס און אפילו די מיוחסים אין אונזערע רייהען וועט אויך אנשטעהן צו קומען אין דער ביורא פאר א דזשאב.

אין מיין לאנגער ערפאהרונג אלס דזשאב זוכער, איז מיר אין פארשידענע צייטען אויסגעקומען צו זוכען אירגענד וועלכע ארבייט דורך די עטאבלירטע עמפלאימענט איידזשענסים. מיר איז אויסגעקומען גענוג לאנג צו ווארטען ביז מ'האט מיך געשיקט אויף א פלאץ, פשוט דערפאר ווייל עס איז קיין פלעצער ניט געווען. זאלען דארום די מעמבערס ווערען געווארענט און ניט זיין בייזיך גענארט, אז איבערטרעטענדיג די שוועל פון דער ביורא שטעהט שוין אנגעגרייט פאר זיי א פלאץ. זאלען זיי רוהיג און אויף אן אנשטענדיגען אופן פארווייילען אין דעם אנגעווייזענעם ארט אין דער ביורא און ווארטען אויף זייער נעקסט, וויסענדיג אז קוים שיקט מען זיי אויף א פלאץ, וועלען זיי קריגען גוט באצאהלט פאר זייער ארבייט און זיך ניט דארפען פארקויפען פאר בילינער.

און איצט וועלען מיר פארענדיגען דעם דאך פון דער בילדינג. די פארוואלטונג פון אזא ביורא מוז שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א פאסענדען מענשען, וואס מוז באזיצען די מעלה פון האבען א כאראקטער וועלכער איז באקאנט אונטער'ן נאמען „א מענש אהן א גאל". לאכט ניט, פריינדע. אונזערע ארבייטער האבען א פאסקודנע געוואוינהייט איבערצופרעגען אכטצעהן מאל א זאך און קאכען זיך, צי מ'דארף צי ניט. א מענש מיט א אייזערנע געדולד און א ליבליכען שמייכעל אימער אויף די ליפען איז א נויטווענדיגקייט. די ביורא דארף פונקציאנירען פון 7 פריה ביז 9 אווענדס אונאויפהערליך. אזוי דאס קיין צייט זאל ניט פארלוירען געהן. אנשטאט ארומצולויפען פון פארטאג אויפ'ן פייפער, זאל מען קומען אין האל און ווארטען אויף א קאל, אדער וואס די פאסט וועט ברייננגען. עס זאל זיין די ארבייט פון די אנגעשטעלטע צו ענטפערען דורכ'ן טעלעפאן אלע אדווערטייזמענטס אין אלע ענגלישע און אידישע צייטונגען פון שטאט, וועלכע אדווערטייזען פאר מענשען פון אונזער טרייד. זיך נאכצופרעגען צו מען קען זיך ניט באנוצען מיט דער ביורא און זיך טאקע ניט פוילען און אריבערשיקען א רעפרעזענטאנט פון דער ביורא זיך דורכצורידען מיט'ן אדווערטיזער און טרייען צו באוועצען מיט אונזערע לייטע. עס זיינען דא פילע וועגען ווי אזוי צו האנדלען, ווען די אנגעשטעלטע זיינען ניט קיין פארשלאפענע און פארשטעהען זייער אויפגאבע.

נישט קוקענדיג אויף דעם וואס מאנכע מעמבערס וועלען אפשר פראטעסטירען, מאך איך דעם פארשלאג אז א טשארזש פון 1 דאלאר זאל געמאכט ווערען צו יעדען איינעם וואס ווערט געשיקט פון דער ביורא אויף א פלאץ, וואס דאס וואלט גערעקט די פולע אויסגאבען וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער פארוואלטונג. אויך וואלט דיזער קליינער טשארדזש פיל געהויבען דעם פרעסטיזש פון דער ביורא, ווייל יעדער איינער וואלט זיך זיכער געפיהלט בעסער, ווי כלומר'שט נעמענדיג טשאריטי פון דער יוניאן.

צום שלוס וואלט איך נאך געוואלט מאכען א באמערקונג וועגען דער צענטראלער לאקיישאן פון דער ביורא. עס איז מיין איבערצייגונג אז דער גאנצער טרייד קאנצענטרירט זיך לעצטענס ארום טיימס סקווער. אט דארט דארף זיך געפינען דער ארט פון דער צוקונפטיגער פיל פארצוויינטער עמפלאימענט ביורא פאר אונזערע קלאוק און דרעס מאכערס.

מיט אכטונג,
מאריס סוראווסקי,
מעמבער לאקאל 35, לעדזשער 5111.

ווארום ער האט פארלאזען די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג

פריינד רעדאקטאר פון דער גערעכטיגקייט": —

איך בעט אייך צו פארעפענטליכען מיין ערקלערונג אין דער „גערעכטיגקייט", ווארום איך בין ארויס פון דער ליג. מיינע געוועזענע חברים געהען ארום און זאגען יעדען קלאוקמאכער, אז איך האב זיך פארקויפט צו פערלשטיינען און דערפאר האב איך זיי פארראטען. מיט דער ערקלערונג וויל איך באווייזען די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, אז ניט איך האב זיי פארראטען, נאר עס איז געווען מיין הייליגע פליכט אלס אויפריכטיגער יוניאן מאן צוריקצוציהען זיך פון דעם געזינדעל, וועלכע האבען אויסגענוצט מיין אויפריכטיגקייט פאר זייערע אייגענע צוועקען.

און אט איז מיין ערקלערונג:

ווען איך בין געווארען א מעמבער אין דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, האב איך ווירקליך געדענקט, אז די ליג איז אן ארגאניזאציע וואס האט גענומען אויף זיך דורכצופיהרען אין לעבען אמאלגאמיישאן, שאפ־דעלעגאטען סיסטעם און א פאראייניגטע פאליטישע אקציאן.

צום באדויערען האב איך זיך גאנץ אנדערש איבערצייגט.

אנשטאט אן עדיוקיישאנאל ארגאניזאציע איז די ליג פארוואנדעלט געווארען אין א קלייזעל פאר פערזענליכע אמביציעס פאר א פאר רעדעל־פיהרער, וואס זיינען צו יעדער צייט גרייט אויסצונוצען יעדען מענשען מיט אן עהרליכען געפיהל פאר זייערע אייגענע צוועקען. און טאמער קוקט זיך איינער אום און לאזט זיך ניט ווייטער פיהרען, ווערט ער געשטעמפעלט אלס א פאררעטער צום ארבייטער קלאס. און דאס האט אויך פאסירט מיט מיר.

ווען וויים פרעזידענט פערלשטיין האט געבראכט די קלאגע געגען די ליג־מעמבערס, אז מיר באלאנגען צו א דועל־יוניאן, איז צווישען די קלאגען אויך געווען א קלאגע, אז מעמבערס פון דער ליג האבען גערופען א ביזנעס־איידזשענט צו פאראנטוואָרטליכקייט. איך, אלס א מעמבער פון דער ליג, און נאך פילע אנדערע מעמבערס האבען ניט געוואוסט פון קיין ליג־מיטינג, אויף וועלכען מען האט באשלאסען צו רופען א ביזנעס אגענט פון דער יוניאן, אום אפצונעמען ביי איהם א רעכענונג פארוואס ער האט געטאן אדער ניט געטאן און איך האב ווירקליך געדיינקט, אז די קלאגע איז פאלש. אבער צו מיין איבערראשונג, האט דייווידסאן דאס אליין צוגעגעבען, אז דאס האט פאסירט, און אז ער איז נאך געוועזען דער פארזיצענדער פון דער באטרעפענדער קאמיטע, וואס האט גערופען דעם ביזנעס אגענט, אום צו נעמען ביי איהם רעכענונג פאר זיינע אויפטואונגען.

מיר האט זיך גלייך געשטעלט די פאלגענדע פראגע: וואס פאר א רעכט האט דייווידסאן און נאך איינינע זעלבסט געמאכטע פיהרער צו רופען א ביזנעס אגענט ניט זייענדיג אינסטראקטעט פון דער ליג?

נאך איין פאסירונג וועל איך דא אנריהרען, און די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל וועלען קאנען איינזעהן, אז אלס אויפריכטיגער יוניאן מאן האב איך ניט געטארט פארבלייבען אין דער ליג, נאכדעם ווי איך האב אויסגעפונען, אז די ליג איז ניט וואס זי האט ווירקליך באדארפט זיין, נאר איז פארוואנדעלט געווארען אין א קלייזעל פאר איינינע חברה, וועלכע ווילען ארייינקריגען די מאכט מיט דער הילף פון די מעמבערס, וועלכע זיינען ארענטליך צו זייערע איבערצייגונגען.

ווי אלע וויסען האט דער אפיל פון די שיקאגא'ער אויסגעשלאסענע מעמבערס פון וועלכע איך בין איינער, געדארפט אויפגענומען ווערען אויף דער באסטאנער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל. און אום דער אפיל זאל קריגען די ריכטיגע אויפמערקזאמקייט איז געוועזען נויטיג אז איינער אדער מעהרערע פון די אויסגעשלאסענע מעמבערס זאלען פאהרען צו דער קאנווענשאן. עס פארשטעהט זיך, אז עס איז אויך געוועזען א פראגע ווי אזוי צו קריגען געלט אויף עקספענסעס, און ענדליך האבען מיר געקראגען ארום פיר הונדערט (400) דאלאר, וועלכעס האט אונז געמאכט מעגליך צו שיקען דריי דעלעגאטען. מיט א מאל הער איך אז דייווידסאן באריהמט זיך אז ער פאהרט צו דער קאנווענשאן. דאס האט מיך געוואונדערט: ווי אזוי קען ער וויסען, אז ער וועט פאהרען? עס קען דאך מעגליך זיין, אז ער זאל ניט ערוועהלט ווערען? נאר ווער רעדט דאס פון ערוועהלט ווערען? דייווידסאן דארף ניט קיין וואהלען. עס איז גענוג אז ער זאל וועלען און מעהר דארף מען ניט. אזוי ווי איך האלט ניט פון אזעלכע ביזנעס, האב איך גענומען סעם קאהען, פון לאקאל 104 און צוזאמען זיינען מיר אוועק אין אפיס פון דער ליג און מיר האבען זיך דורכגערעדט מיט דזשאנסטאנ'ען, און ער האט אונז צוגעזאגט אז מיר וועלען האבען וואהלען.

א וואך פאר דער קאנווענשאן זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען אויף א מיטינג וואו מיר האבען געזאלט ערוועהלען דעלעגאטען. אין געקומען ארענבורג און האט אונז געבראכט א טעלעגראם פון דער נאציאנאלען קאמיטע פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, וואס האט אונז באפוילען ניט צו ערוועהלען קיינע דעלעגאטען. זיי אליין וועלען באשטימען וועמען זיי וועלען געפינען פאר נויטיג, און ארענבערג ערקלערט אונז, אז מיר האבען ערוועהלט די נעשאנאל קאמיטע און דערום האבען זיי דאס רעכט צו באשטימען דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן.

דאס האט מיך אויפגעטראגען. שטעלט אייך פאר, איך האב זיך געלאזען אויסשליסען פון דער יוניאן, ווייל איך האב געדענקט אז די גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט געהאנדעלט ניט ריכטיג מיט איהר באשלוס וועגען דער ליג אהן דער צושטימונג פון די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל. און דא קומט די נעשאנאל קאמיטע, וועלכע פיהרט אן א קאמף געגען די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל פאר זייערע ארביטרערי רולינגס, און האנדעלט, ווי אן אמת'ער דעספאט.

עס פארשטעהט זיך, דאס איך און נאך איינינע מעמבערס האבען אויסגעשפראכען אונזער מיינונג. איך האב זיי געגעבען צו פארשטעהן, אז זיי האבען נאך ניט די מאכט מיך צו צווינגען אנצונעמען אזעלכע באשלוסען. עס פארשטעהט זיך, אז די פאר רעדעל־פיהרער האבען איינגעזעהן, אז זיי וועלען די שטיקעל שמוציגע ארבייט ניט קענען דורכפיהרען, האבען זיי דעם באשלוס געענדערט. וויסענדיג אז דייווידסאן וועט ניט ערוועהלט ווערען און דייווידסאן מוז דאך זיין ביי דער קאנווענשאן, ווייל אהן איהם וועט אונזער אפיל ניט אויפגענומען ווערען — אזוי אייגענטליך דענקט ער — האבען זיי באשלאסען אז אלע אויסגעשלאסענע זאלען פאהרען צו דער קאנווענשאן.

אלזא, שטעלט אייך פאר, ווען די גענעראל עקז. באארד וואלט צוגעשיקט א טעלעגראם צו יעדען לאקאל מיט אן ערקלערונג, אז די לאקאלס טארען ניט ערוועהלען קיין דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, נאר זיי וועלען אליין אויסקלייבען וועמען זיי וועלען אליין וועלען. וואס וואלט דערזעלבער דייווידסאן, צוזאמען מיט דער נעשאנאל קאמיטע פון דער ליג געזאגט? וואלטען זיי ניט געמאכט קיין גערוואלד, אז די גענעראל עקזעקוטיוו ווילען באשווינדלען די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל?

צום שלוס וויל איך זאגען אט וואס. איך האב ניט אויפגעגעבען די ליג ווייל אימיצער האט מיך באאיינפלוסט. ניין, איך בין און איך וועל אלע מאל זיין פאר אמאלגאמיישאן און פאראייניגטע פאליטישע אקציאן, אבער איך וועל קיין מאל ניט ערלויבען קיינע רעדעל־פיהרער אויסצונוצען מיין ערנסטקייט פאר זייערע אייגענע אמביציעס.

נייטהען ראזען,
2015 פאטאמאק עוו., שיקאגא, איל.

טענות צו לאקאל 22.

ווערטער רעדאקטאר, געאכטעטער גענאסע יאנאווסקי: —

דער קראנקען און שווינדזוכט פאנד מעג זיך זיין א גאנץ גוטע און ווינשענסווערטע אונטערנעמונג; דער מאטיוו מעג זיך זיין דער בעסטער פאר דער ארגאניזאציע און איהרע מיטגלידער, — אבער ניט דורכגעפיהרט אין אמת'ען דעמאקראטישען זין, ווי עס פאסט ווירקליך פאר לאקאל 22 דרעסמאכער יוניאן, דורך א רעפערענדום, — איז באמת א שמערצליכער אינצידענט פאר איינעם, וואס וויל זעהן זיין סביבה זויבער און מעגליכסט אהן פגימות.

איך וואלט עס נאך פארשטאנען ווי עס איז, ווען דער פאנד וואלט געווען א פרייוויליגער. אזוי אבער הייסט עס ארויפגעצוואונגען. און דאס איז אן עולה און אפשר ניט געזונט אויך.

און נאך עטוואס, וואס האט אבסאלוט געזאלט גענומען ווערען אין אמבאטראכט, און מיינער מיינונג נאך דארף און מוז פאלגענדע אנגעלעגענהייט נאך יעצט פארהאנדעלט ווערען — נעמליך: אום צו ווערען א מיטגליד וועט דער קאנדידאט דארפען דורכגעהן א דאקטאר עקזאמען — וואו איז דער איינזיכט מיט'ן שוואכען?

און היינט די ניט „ביזנעסמעסיגקייט" געגען איבער די פאראינטערעסירטע! — פארפליכטעט צו צאהלען בין איך כך וכך (35 סענט א מאנאט) — צו וועלכען „כך וכך" בין איך בארעכטיגט?!

מיט אויפריכטיגער פריינדשאפט און אמת'ער אכטונג,

וואלף אייזנער.

פ. ס. — בדרך אגב: דער פער קאפיטא טעקס ווערט געהעכערט מיט 5 סענט — ווארום אלזא טעקסען די מיטגלידער מיט 15 סענט? — פאדערט זיך דא ניט אפשר אביסעלע מעהר עקאנאמיע זייטענס דער פארוואלטונג?

פון דער רעדאקציע: — דער באשלוס איינצופיהרען דעם פאנד פאר קראנקע און שווינדזוכטיגע איז איינגעפיהרט געווארען אין דעם אמת־דעמאקראטישען גייסט, אויף פילע ברענטש מיטינגען פון דעם לאקאל. אויף דעמזעלבען איז, [illegible]

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

א קורס איבער די טאקטיקס און פאליסים פון טרייד יוניאניזם

(געהאלטען אין די אינטערנעשאנאל קלאסען אין סיזאן פון 1922 – 1923)

פון דייוויד י. סאפאס. — אידיש פון ל. פינקעלשטיין.

לעסאן 1.

די הויפט כחות וואס באאיינפלוסען דעם געבוי און די טאקטיק פון די טרייד־יוניאנס

I. 1. כאטש דער שטודיום וועגען די טאקטיק און פאליסים פון די טרייד־יוניאנס איז נאך נים געקומען צו דער שטופע פון אן עקזאקטער וויסענשאפט, דאך אבער, איז עס שוין מעגליך באשטימט אנצואווייזען אויף געוויסע כחות וואס באאיינפלוסען די טאקטיק און די פאליסים פון די טרייד־יוניאנס.

2. עס קאן נים געמאכט ווערען קיין צוטריט אינטעליגענט צו באטראכטען די פראבלעמען פון די טרייד־יוניאנס, ווען מען באגרייפט נים אט די דאזיגע כחות, וועלכע וואקסען ארויס פון דעם צוזאמענהאנג צווישען די עקאנאמישע, סאציאלע, פסיכאלאגישע, פאליטישע, טעכנישע און פערזענליכע פאקטארען אין דער געזעלשאפט.

3. דיזע כחות באווייזען זיך פארשיידען אונטער פארשיידענע אומשטענדען, אין פארשיידענע קאמבינאציעס. מאנכעסמאל דוכט זיך, אז אט די קראפט איז די הויפט טרייב־קראפט אין א געוויסער סיטואציע, וועהרענד א צווייטען מאל, אונטער אנדערע אומשטענדען, שיינט עס, אז דאס איז גאר אן אנדער קראפט וואס שפילט די הויפט ראליע. האבענדיג דאס אין זינען, קאן מען זיך נעהמען באשרייבען און כאראקטעריזירען די מעהרסטע פון אט די וויכטיגסטע קרעפטען.

II. 1. די ענטוויקלונג פון נאציאנאלע מארקעטס, און פון די טראנספארטאציאנס־מיטלען האט געמאכט נויטיג, דאס די יוניאנס זאלען זיין צווישען זיך נאציאנאל פאראייניגט, פונקט ווי עס איז פאר זיי נויטיג געווען זיך ארגאניזירען לאקאל.

2. די טעכנישע און אינדוסטריעלע ענטוויקלונג האט עס געמאכט מעגליך צו באטרייבען די פראדוקציע מיט טיילווייז האלב־געלערנטע און אויך גאר נים קיין געלערנטע ארבייטער. דאס איז געטאן געווארען אויף גאר א גרויסען שטייגער, און דאס האט געצוואונגען פילע יוניאנס צו פארלאזען די אפגעזונדערטע פאך־ליניעס און זיך ענגער צונויפצובינדען, דורך אמאלגאמיישאן, דורך פעדעראציע און נאך אנדערע אלאיענסעס אין פארבינדונגען.

3. די שנעליגקייט, מיט וועלכער די יוניאנס פאסען זיך צו צו די נייע געשאפענע אומשטענדען, הענגט א סך אפ פון דער פערזענליכקייט פון די יוניאן־פיהרער, און פון דעם וויפיל די „רענק און פאיל" פארשטעהט די פראבלעמען וואס שטעהען פאר די יוניאנס. טראדיציעס און די סאציאלע באגריפען פון די מיטגלידער און די פירער באשטימען, אויב די יוניאן זאל זיין קאנסערוואטיוו, ליבעראל אדער ראדיקאל. און אינטעליגענטע, באוואוסטזיניגע מיטגלידערשאפט קאן ווירקען, אז די פיהרערשאפט זאל אננעהמען א געוויסע טאקטיק אדער פאליסי. פון דער צווייטער זייט אבער, כיטרע פיהרער קאנען באאיינפלוסען די וואונשען פון דער „רעינק און פייל". אויב די מיטגלידער זיינען אין גאנצען אומבאוואוסט, זיינען גאר נים באקאנט מיט די סאציאלע און פאליטישע טעאריען, בלייבט עס דעמאלט פאר די פיהרער צו דיקטירען און אליין באשטימען די טעטיגקייט, און דעם שיקזאל פון דער ארגאניזאציע.

4. פונקט אזוי גוט קאן באשטימען דעם כאראקטער פון א יוניאן די צאהל פון די מיטגלידער און פינאנציעלע שטארקייט. עס ווענדט זיך אן דער גרויס און דער שטארקייט פון דער יוניאן, צי דיזע יוניאן זאל זיך אפגעבען בלויז מיט ארגאניזירען די נים־ארגאניזירטע שעפער פון פאך, אדער זי זאל זיך פארנעמען נאך מיט אנדערע נויטיגע טעטיגקייטען.

5. שטארקע יוניאנס ווערען אמאל צוריקגעהאלטען פון אויסשפרייטען די טעטיגקייטען, ווייל די פיהרער זיינען נים פעהיג צו לייזען די פראבלעמען וואס שטעהען זיי פאר ; ווייל זיי וויסען נים ווי אנצופיהרען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין אויף א גרויסען שטייגער. און א מאל מאכט זיך אויך, דאס מעכטיגע אסאסיאיישאנס פון באלעבאטים זאלען ווידערשטעהן דעם פארזוך צו ארגאניזירען די ארבייטער און מאכען צונישט די פלענער פון דער יוניאן. די מעטאל־טריידס באלעבאטים זיינען פאראייניגט אין מעכטיגע אסאסיאיישאנס און האלטען אויף דעם זאגענאנטען „אפען שאפ".

III. אין קיין פאל קאן מען באשטימט נים זאגען, דאס נאר אט דער פאקטאר, אדער יענער, האט עס געהאט די ווירקונג אויף די טרייד־יוניאן פאליסים, אז די יוניאן זאל געהן אין דער ריכטונג אדער אין יענער. עס איז א זעהר קאמפליצירטע, געזעלשאפטליכע ערשיינונג, און א גענויע באטראכטונג וועט געוויס ציינען, דאס אין די מעהרסטע פאלען ווירקען אלע פאקטארען צוזאמען אום צו שאפען א געוויסע סיטואציע.

ווען איהר פאהרט אין קאנטרי

פארגעסט נים מיטצונעהמען א פאאר באקסעס

עקס־לאקס

דאס וועט האלטען אייער מאגען אין ארדנונג און וועט אייך און אייערע פאמיליען פארהיטען פון די פילע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון דעם אומגעענדערטען ארט לעבען אין די קאונטרי.

10, 25 און 50 סענט א באקס אין אלע דראג־סטארס.

אין דער באנאז עמברוידערי יוניאן לאקאל 66

פון מאקס מ. עסענפעלד, מענעדזשער.

דאנערשטאג, דעם 24טען יולי, זיינען ביי אונז אפגעהאלטען געווארען וואהלען פאר אלע בעאמטע פאר די נעקסטע 6 מאנאטען, און לאמיר זאגען, אז אונזערע וואלען זיינען געווען אמת מוסטערהאפטע, ווי דאס דארף זיין ביי א לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל. מען האט נים געטרייט ביי אונז קיין קארטלאך, נים געריסען קיינעם ביי דער פאלע, אלעס איז צוגעגאנגען שטיל, אהן געפילדער און אהן רעקלאמען.

די פאלגענדע בעאמטע פארטרעטען אונזער יוניאן פאר'ן נעקסטען טערמין: פרעזידענט ז. ל. פרידמאן; וויס־פרעזידענט ס. טשייטין; סעק.־טרעזשורער נייטען ריזעל; רעק. סעק. ס. אלאנטשיאס; מענעדזשער מאקס מ. עססענפעלד; ביזנעס אגענט ל. הייטמאן; טראסטיס: ס. וועלש און עלי וואליש; סארדזשענט עט ארמס, פאל. רעהפיל; רעליף קאמיטע: אב. פוטשיילסקי; עקזעקוטיוו באארד: ראוו אויערבאך, יוסף בערנשטיין, מאקס הייזעבסקי, סעם האלפערן, יעקב יאפע, אב. קאלקאוויץ, מ. לאנגווארדיא, מ. לעדערמאן, איי. פלאטקין און י. סמאללער.

די נייע בעאמטע וועלען אינסטאלירט ווערען קומענדען דינסטאג, און די יוניאן מעג ערווארטען וויכטיגע ארבייט פון דער נייער אדמיניסטראציע.

*

דער לעצטער סיזאן איז נים געווען וואס מען האט ערווארטעט, ארבייט איז געווען ווייניג, און דאס ביסעל וואס איז יע געווען, האט איינגאנצען אנגעהאלטען א זעהר קורצע צייט, און אין פילע שעפער האט מען איינגאנצען פון קיין סיזאן נים געוואוסט; און נאך אזא „גוטען" סיזאן האט געפאלגט א סלעק, וואס האט אנגעהאלטען איבער 4 מאנאטען, און, נאטירליך, אונטער אזעלכע אומשטענדען געהט נים אלעס ווי געוואונשען; דער איינצעלנער מיטגליעד ליידעט און די גאנצע ארגאניזאציע ליידעט.

אבער די לאגע האלט זיך יעצט אין פארבעסערען, און מיר האפען, אז מיר וועלען אין גיכען קענען אלעמען באזארגען מיט פלעצער.

*

אונזער טרייד ליידעט נים אזוי פיל פון די איבלען, וואס עקזיסטירען אין אנדערע פאכען, צ. ב. פון ארונטערשיקען ארבייטער פאר יוניאן אקטיוויטעט און רעדוצירונג פון ווייזשעס. אין דעם ערשטען פאל דערפאר, ווייל אין אונזער יוניאן קאן מען בלויז ארויפנעמען ארבייטער דורכ'ן אפיס, און במילא שיקט מען דאך בלויז יוניאן ארבייטער, טראכט זיך דער בעל הבית: שוין בעסער דער אלטער איידער א נייער. און אין דעם צווייטען פאל דערפאר, ווייל מיר האבען פעסטגעזעצטע מינימום סקיילס.

*

אבער כאטש דער מינימום ווערט אונטער אלע צייטען אנגעהאלטען, קענען מיר דאך נים זאגען, אז ווייזשעס ווערען נים רעדוצירט, דאס פאסירט אויף פאלגענדען אופן: די ארבייטער קריגען געוויינליך פון 5 ביז 15 דאלאר אריבער דעם סקייל,

בלייבען ווי אין אלטען שאפ אין דער צייט
פון סלעק, האלטען זיי און זייערע וויי
דזשעס; בייטען זיי אבער דעם שאפ
פארלירען זיי די העכערונג, ווייל אין דעם
נייעם שאפ קענען זיי אין סלעק מעהר ווי
דעם מינימום נים קריגען. דער רעזול
טאט איז, אז נים נאר פארלירען זיי די
העכערונג, וואס זיי האבען אין אלטען
פלאץ באקומען, נאר האבען נאך זעלטען
א געלעגענהייט צו ארבייטען מעהר ווי
פאר טעג, ווייל אין סלעק איז קיין אר
בייט ניטא, און אויב עס איז ערגעץ יע
פאראן א ביסעל ארבייט, רעכענען די אלט
ארבייטער, אז זיי זיינען צו דעם מעהר
בארעכטיגט. מיר האבען פילע מאל
אויפמערקזאם געמאכט אונזערע מעמ
בערס נים צו פארלאזען זייערע אלט
פלעצער אין סלעק צייט. מיר ווילען הא
פען, אז אין נעקסטען סיזאן וועלען זיי
אין אכט נעמען אונזער ווארנונג, כדי נים
צו שעדיגען זיך זעלבסט.

*

אונזער איצטיגע אדמיניסטראצי
וועט האבען פאר זיך פילע פראבלעמען
אונזער אגרימענט מיט די בעל הבתים
איז נאך אין קראפט ביז יאנואר. וועט
מען דאך באלד מוזען מאכען פארבארייי
טונגען. פילע פונקטען וועלען דארפע
אין דעם נייעם אגרימענט געענדערט ווע
רען, מאנכע זעהר וויכטיגע. עס איז נאך
פיליייכט יעצט צו פריה צו ריידען וועגע
דעם. ביי א שפעטערע געלעגענהייט
וועלען מיר פרובירען גענוי אנצווייזע
וועלכע פון די פונקטען, נאך אונזער מיי
נונג, מוזען געענדערט ווערען, אום ד
אינטערעסען פון די ארבייטער זאלען בע
סער אפגעהים ווערען.

*

די וויכטיגסטע ארבייט אבער פון דער
נייער אדמיניסטראציע וועט זיין זיך
גלייך פארצובערייטען פאר דעם קומענדע
קאמפיין. אין יעצטיגען מאמענט ווייסע
מיר נאך נישט גענוי, וואס די פלענע
פון דעם נאר וואס געגרינדעטען „קאנסיל"
זיינען באצוג די ארגאניזאציאנס ארבייט
און צי דער „קאנסיל" וועט איבערהויפ
זיין אין א לאגע אנצופירען די ארגאני
זאציאנס־ארבייט פאר אלע לאקאלען
וועלכע זיינען פארבונדען מיט איהם
אדער — מיר וועלען נאך פיליייכט אליין
דארפען אנפירען אונזער ארבייט. ווי ע
זאל נים זיין — ארבייט מוז געטאן ווע
רען, און מיר מוזען מאכען באלדיגע
פארבארייטונגען פאר א ענערגישע
קאמפיין. מיר זיינען זיכער, אז יעדען איי
נעם פון אונזערע מעמבערס איז ליב אונ
טייער די ארגאניזאציאן, און אז זיי וועל
טען וועלען זעהן די יוניאן מעכטיג או
שטארק אזוי, אז זי זאל קענען קאנטראל
לירען די גאנצע אינדוסטריע; און אונ
דאס צו ערדרייכען איז נויטיג א פיעל גרע
סערע אקטיוויטעט. אונזערע מעמבערס
מוזען זיך אינטערעסירען מיט אלעס אי
דער יוניאן און זיין בארייט ווען דעו
סיגנאל אויפרוף וועט געגעבען ווערען
זיך אנצושליסען אין דער ארגאניזאציאנס
ארמעע, און דערמיט העלפען פארפעסטי
גען די ארגאניזאציע.

די פארשיידענע אפטיילונגען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע

מאריס זיגמאן, טשערמאן.
י. פיינבערג, וויס־טשערמאן.

האל קאמיטע:
228 סעקאנד עוועניו
טעלעפאן סטייוועסאנט 0713
דזש. ברעסלאו, טשערמאן
טש. אראנסקי ב. מאזער מאליסאני.

ארגאניזיישאן קאמיטע:
בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט.
טעל. ארטשארד 6404־6405־6406
ד. דובינסקי, טשערמאן
ס. ריינער, סעקרעטאר
שוסטער, ה. ל. הייעס.

ספיקערס קאמיטע:
231 איסט 4טע סטריט,
טעלעפאן לעקסינגטאן 5217
מ. דזש. אשפיז, טשערמאן
מ. פרידמאן לואידזשי אנטאניני.

סעטלמענט קאמיטע:
קעדילאק האטעל, 43 סט. און בראדוויי
טעל. ברייענט 7100
י. פיינבערג, טשערמאן
ס. נינפא, סעקרעטאר
דזש. רובין.

פיקעט קאמיטע:
ארלינגטאן האל, 19 סט. מארקס פלייס,
טעל. ארטשארד 2628־2709
ה. וואגנער, טשערמאן
ת. סלוצקי, סעקרעטער.

לאא קאמיטע:
130 איסט 25טע סטריט,
טעל. מעדיסאן סקווער 7680
ל. לאנגער, טשערמאן.

אוט־אוו־טאון קאמיטע:
3 וועסט 16טע סטריט,
טעל. טשעלסיא 2148־2149־2150
דזש. האלפערין, טשערמאן
ה. לובינסקי, סעקרעטער
דזשא. סטאנקעוויטש.

רעליף קאמיטע:
לואיס ליוויי, טשערמאן.
שעהנהאלץ מאליסאנ

פינאנס קאמיטע:
130 איסט 25טע סטריט,
טעל. מעדיסאן סקווער 7680
אב. באראף. דזש. פיש

נאן־יוניאן דעפארטמענט:
אסטאריא האל אנעקס, 62 א. 4טע סט
טעל. דריידאק 8045.
בערנארד שעהן — טשערמאן.

אלע דיסטריקט און לאקאל אפיסע
וועלען דינען אלס אינפארמיישא
ביוראס.

וו. בארקאן, — טשערמאן
130 איסט 25טע סטריט.
טעל. מעדיסאן סקווער נארדען 7680.

א סטרייק

(א בילדעל)

פון מ. שמואלזאהן.

א סטרייק!
און די לופט איז מיט אמאל אנגע־פילט געוואָרען מיט'ן גערוך פון פולווער.
אין די גאסען, אין די פאבריקען און אין די הייזער האט גענומען שמעקען מיט קאמף, מיט רויער, ווילדער ברוטאלער קראפט.

עס האט זיך דערפיהלט, אז פון ער־גע'ץ, צי ערגע'ץ פארמעסטען זיך אנטגע־גענגעזעצטע אנגעזאמעלטע קרעפטען, וועלכע ווילען אט־אט ערגע'ץ־וואו זיך צו־זאמענשטויסען און וועלען אויסברעכען אין א שרעקליכען קראך, וועלען פלאצען און זיך צושיסען אויף טויזענטער טיילען, וואס וועלען צושעדיגען און צו'מזיקען שולדיגע און אוממשולדיגע.

אין אינסטינקטיוו בויגען זיך צושראָ־קענע קערפערס אן א זייט, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען אויסמיידען די סכנה וואס שוועבט אין דער לופט איבער זייערע קעפ...

און די קעמפער? זיי פיהלען הפנים ניט. זיי ווייסען ניט פון געפאהר. גע־העגטער, וואס אמאל נעהענטער קומען זיי צו צום פייער. אנגעשטרענגט מיט אלע קרעפטען שטעהען זיי איינס אקעגען צווייטען. די לופט צום קאמף האט זיי איבערוועלטיגט.. זיי שרעקט ניט קיין סכנה. מיט פארגליווערט־נצחון'דיגע פנים'ער, מיט פריידיג־כעס'דיגע געזיכ־טער זיינען זיי גרייט מיט טאנ'ץ און גע־זאנג אין פייער צו שפרינגען.

אט אזוי פיהלען בלויז צועלכע וואס האבען שוין גארנים צו פארלירען!...

איך קום צו צום פלאץ, וואו די קעמ־פער זיינען פארזאמעלט.

פון דערווייטענס נאך זעה איך, ווי פאר דער געביידע שוויבעלט און גריבעלט מיט נערוועזע אנגעשטרענגטע פנים'ער. פון'ם נערוועזיטעט אבער שיינט ארויס א שמיי־כעל, א צופרידענהייט — א פארביסענער פאר'עקשנ'טער שמייכעל מיט א פארבי־סענער פאר'עקשנטער פרייד. ווילדעס, קראנקהאפטעס ליגט אין דעם. א מין שמייכלען מיט גאל, מיט ווייטאג.

כוואליעס מיט אויפגערייצטע האלב־צומישטע געזיכטער שפארען זיך ארויף און אראפ פון די טרעפ. אידען מיט בערד, אידענעס מיט קינדער. בחורים און מייד־לאך. אלע אין איין שטראם פארוויקעלט, פארפלאנטערט און צוזאמענגעדרייט ווי אין א קנויל. און אלע מיט דעם זעלבען אויסדרוק אויף די געזיכטער — אן אויס־דרוק פון ערב משוגעת!...

איך שפאר מיר דורך א וועג. איך קלעטער אויף אלע פיער ביז איך קום אריין א פארסאפעטער, א פארשוויצטער אין זאל.

א גרויסער זאל, מיט קויטיגע, פאר־שמוצטע, פארשריבענע, און מיט פאר־שיידענע אפישען באהאנגענע ווענט, מיט א שמוציגע פארבלאָטיגטער פאדלאָגע. פינסטער רויכיג ווי אין א באָד. פול מיט לאנגע הילצערנע בענק און הילצערנע שטוהלען — וואס זיינען צוואָרפען ווי נאך א מלחמה. און געפאקט מיט אויס־געדרענגטע, צעווילדעוועטע ברואים.

איך ווארף א בליק אויף די קעפ פון דער געפאקטער מאסע און איך דערפיהל א שוידער, אזוי ווי איך וואלט אריינ־גע־פאלען אין א גרוב פון צודרייטצעע אויס־געהונגערטע חיות...

מיינע בליקען געוועהנען זיך אין מיט דער פינסטערניש און פון צווישען די וואלקענס רויך נעמען ארויסקוקען איינס נאכ'ן אנדערען קעפ, געזיכטער, אויגען און מיילער פון מענשען, עלטערע און אינגערע. און אלע זיינען זיי צו־קאכטע, עס באוועגען זיך הענט, פוים־טען. עס הערען זיך קולות, געשרייען. — דעם מענש, דעם בחיר היצורים, האט מען אין א בייזע חיה פארוואנדעלט!

— „שטיק ארבייט ווילען זיי!"
„שטיקער וועלען מיר רייסען פון זיי!"
„מיין ווייב און קינדער ניט זעהן!"
„מיט דער נשמה זיך צו זיי פארקויפען!"
„רייסען פרייזעס!" „רייסען די צייהן וועט מען זיי!"

פארביטערטע, גאליגע, פארבלוטי־טע שטיקער נשמות צאפלען זיך, ווארפען זיך ארום אין דער פארשטיקטער רויכי־גער לופט!

און אין א ווינקעל זיצט זיך א בחור אונטערגשוידען אונטען גאנץ קורץ, אזוי, אז עס זעהט זיך דורך די קורצע האר ארוי די גרויע, לויזע הוים פון קאפ, — ער זיצט ביי דער פיא־נא און האקט מיט די מאזאליסטישע פינגער איבער די ביינדלאך. די פיאנא לאזט ארוים משונה ווילדע טענער, וואס וואלטען באדארפען אפשר עפעס צוזא־מענשטעלען. אין דעם הרהא אבער, אין דעם טומעל ווערען זיי ערגעץ פארזונקען, צוזאמענגעמישט, און גיבען בלויז צו מעהר פארב צו דעם כאאטישען משוגע־נעם בילד. — און דער בחור ווארפט זיך, ארבייט אויף אלע כלים — מיט די הענט, מיט די פיס און מיט אלע אברים.

אן אנדער בחור מיט א פארדרוקט היטעל אויף דער פאטילניצע און מיט א טשאפרינסע פון פארענט, וואס איז פארקלעמט אין ביידע זייטען מיט שרונט אין מימען, העלפט איהם ארוים מיט אנגעבלאזענע באקען, אויף א מין סארט אינסטרומענט וואס מאכט אן אזעלכע קולות ווי דורך א גאָרגעל פון א געקויליעטער גאנז.

א דריטער בחור, א דאַרער, מיט לאנגע פיס, א צוזאמענגעפרעסטער פון דער מאסע האלט אין איין שפרינגען אין דער לופטען און אויף איין פלאץ און טאנצען נאכ'ן טאקט.

מיידלאך מיט קורצע קליידלאך, לאנ־גע זאקען, און מיט פאות ביי די אויערען זיצען אהן אן ארדער אויסגעזעצט אויף די בענק פון דער הילצערנער בימה, און די קערפערס באוועגען זיך, די פיס הויי־בען זיך, און דא און דארט הערט זיך יעדע ווייליע א קוויטש, ווי עס וואלט זיי ווער מיט עפעס אונטערגעבריהט.

א גרופע אידען אין א ווינקעל צוזאָ־מענגעפרעסט איינער אויפ'ן צווייטען — ארבייטען אוים א פלאן וועגען קאאפע־ריישאן. דער איניציאטאר איז איינער א אידעל מיט א רויט שטעכעדיג בער־דעל, דער צוקנייטשטער פליסענער קאל־נער פונ'ם אפגעטראָגענעם ראָק איז ביי איהם האלב אויפגעשטעלט און ער איז צוקאכט און טענה'ט מיט הענט:

— אז מען זאל נעמען א שטיינער אט אזוי א ווי מיר זיינען אלע אט־א־דא־א, זאל מען נעהמען, און זיך צוזא־מענליינגען, זאל מען זיך, צו פינף דאלאר, און מאכען אליין א פאבריק, זאל מען מא־כען, איהר פארשטייט צי ניין? מאכען אליין א פאבריק, און אליין ארבייטען, אהן באלעבאטים. צו וואס פאר א שוואַרץ־יאָהר דארף מען בעלעבאטים, צו וואס? ארבייטען אליין! מען האט זיי אין דער ערד די באלעבאטים, האט מען זיי!

די אלע איבעריגע זיינען מיט איהם פאלקאמען איינפארשטאנען. נאר איי־נעם א אידען מיט א פארקנייטשטען שטערען און מיט רויטע אויגען קומט עפעס אוים דער עסק ניט גלאטלאך.

— וואס הייסט אליין? אט א מענש גיט זיך א זאג „אליין". און וואו וועט מען נעמען ארבייט, וואו וועט מען נע־מען? שטעלט זיך פאר, למשל, מיר האָ־בען שוין די פאבריק, האבען מיר שוין, אבער מען דארף דאך האבען ארבייט דארף מען דאך. נון... און... און מ'דארף דאך האבען „פיי" דארף מען!

אויף דער טיר באווייזט זיך א בחור מיט אן אויסגעצויגען בלאס פנים, מיט א לאנגען האלז. ער קומט אריין פינט־לענדיג מיט די אויגען ווי מען וואלט איהם אט נאר וואס ביי א גנבה געכאפט.

איינער באמערקט איהם און עס דער־הערט זיך א קול:

— אט געהט ער, מאטקע סקעב!
— העי! זעה נאר מאטקע סקעבאטש!
— וואו? וואו איז ער? !
— אט, זעהסט ניט? אט איז ער דער סקעב!

עס געהט ביי חברה בייסען די פינ־גער, די פויסטען נעמען זיך צוזאמענ־קרעמפען, די אויגען נעמען בריצען. און זייטיג נעמען זיך ארויסרוקען יונגווארג, איינער נאך איינעם. רוקענדיג זיך מיט די עלענבויגענס...

— העי, חברה, טשעפעט ניט?
— וואס?!... וואס טשעפעט ניט?
— מיר... מיר הונגערען!...
— מיר... מיר קעמפען!... און ער!...
— „טשעפעט ניט"!... „איהר זעהט דאך!... „אט איז ער דאך געקומען"! „טשעפעט ניט!" — נעמען זיך הערען קולות פון אלע זייטען.

חברה לאזט אפ הענט און פיס, די אויסדריקע פון די געזיכטער ווערען וויי־בער. איינער שפארט זיך דורך צו איהם און רוקט איהם אריין א „שלום עליכם", מיט א קלאפ אין פלייצע: „אט אזוי מאטקע, ווער א יוניאן־מאן, ווער!

— נו, ווי דען? — בייסט מאטקע די אונטערשטע ליפ און בלאנדזשעט ארום מיט די אויגען. — ווע־ האט גע־ארבייט? אט... מען האט עס אין דער ערד!...

א מיידעל אויף א בענקעל קוקט זיך אום, באגעגענט זיך מיט מאטקעס בלי־קען, זי פארדרויסעלט זיך, לאזט באלד אראפ דעם קאפ, נעמט זיך נערוועז דרע־הען אויפ'ן זיץ און בייסען די נעגעל פון די פינגער...

מאטקע רוקט זיך נערוועז צו צו דער מיידעל, שארט זיך צו א פארשולדיגטער, און מיט בעטענדע אויגען שטרעקט ער אויס א פאר פינגער פון דער האנט.

די מיידעל קעהרט זיך אפ, רוקט זיך אפ פון זיץ, און לאזט איהם איבער...

אלע ארום קוקען צו, מיט נקמה־שמייכלענדע אויגען, און מאטקע מיט דער אויסגעשטרעקטער האנט, א פאר־שעהמטער, רוקט זיך נאך, און מיט פאר־טרערטע אויגען בעט ער זיך: „איך... איך בין דאך געקומען!..."

אויף דער בימה באווייזט זיך א יונ־גער מאן, גיט דריי מאל א קלאפ מיט'ן האמער אויפ'ן טישעל. שרייט אויס: „ברידער און שוועסטער זעצט אייך אוים אויף די פלעצער. ברודער זעליקאוו וועט אונז אפגעבען א באריכט פון סטרייק!..."

עס ווערט א רוקעניש מיט בענק מיט שטוהלען. די געזיכטער, די אויערען און די אויגען ווערען אנגעשטריינגט.

ברודער זעליקאוו געהט ארויף אויף דער בימה. עס ווערט שטילער, וואס אמאל שטילער און אלע הערען זיך איין וואס מען דערצעהלט זיי וועגען סטרייק...

יוניטי

פון מ. צינקין.

מארים, א קלאוקס אפערייטאר, אן „אלטע האנט", האט געהערט, אז ער־געץ אין די בלויע בערג, אין פענסילווי־ניא, האבען די ווייסט מאכערינס א יוניטי הויז, וועלכע איז גאר עפעס פלא פלאים. מארים איז געווארען נייגעריג, און ער האט באשלאסען אהינצו ארויס־פאהרען און אנקוקען עס מיט זיינע איי־גענע אויגען, זעהען דעם ארבייטערס יוניטי.

שוין פינף און צוואנציג יאהר, אז מארים גארט און האפט צו זעהן יוניטי ביי די ארבייטער, און ער האט דאס נאך דערווייל ניט געזעהן, און דא זאגט מען איהם, אז ערגעץ אין פארעסט היל פארק, האט דער ארבייטער יע א יוניטי. ער מוז דאס פאהרען זעהן, דאס מוז געוויס זיין וואונדערליך. עפעס איז דאָ־טען מסתמא א נס געשעהן.

מיט יאהרען צוריק, ווען מארים איז אהערצו אריבערגעקומען, האט ער גע־טראפען די אידישע ארבייטער צוטיילט אין דריי פיינדליכע מחנות: אין רעליגיא־ניסטען, פארווערטסיסטען און אנארכיס־טען. מ'האט זיך געריסען פאר די טשוי־ריגעס, מ'האט געשליידערט שטיינער איינער אין דעם אנדערען, וואס איינער האט געזאגט טאג האט דער צווייטער געזאגט נאכט. און די יוניאנס, וואס מען האט דאן אויפגעבויט, זיינען איבער נאכט איינגעפאלען. ווי קארטען־שטיב־לאך. יעדער איינער, פון יענעם טרייעג־געל, האט ניט אנדערש געוואלט אז די יוניאן זאל באלאנגען צו איהם, צו זיין פליידעל, און אויב ניט, דארף ער אין גאנצען ניט קיין יוניאן, ווי יענע אידענע וואס האט געהייסען שלמה המלך דעם קינד צושניידען, און עס זאל זיין ניט מיר ניט דיר.

אין 1910 איז א נס געשעהן, און איז דאך געווארען א יוניאן, אן אמת'ע יוניאן, און מארים האט געמיינט, אז ענדליך וועט זיין ביי אונז יוניטי. א ווילע האט עס טאקע אזוי אויסגעזעהען. באלד אבער איז געקומען די באריהמטע הורוויטש־אפער און די יוניאן איז שיער ניט אונטערגעגאנגען. נאכדעם האט אונטערגערוקט א סדרה רעוואלוציעס, מיט רעארגאניזיישאנס, שפאלטונגען אין דעם סאציאליזם און אנארכיזם, אלץ זא־כען וואס האבען דעם ארבייטער געוויס קיין נוטעס ניט געמאן. און צולעצט — דער באלשעוויזם מיט זיינע פאנאטישע אנהענגער, און מיט זיינע פארביסענע געגנער, וועלכע מאכען אן א חורבן אין דעם ארבייטער'ס רייהען. אין סך הכל, זעהט מארים, איז קיין יוניטי קיינמאל ניט געווען. די ארבייטער האבען זיך מעהר געריסען און געקריגט צווישען זיך, ווי מיט דעם אלגעמיינעם שונא, און טאקע דערפאר זיינען די רעזולטאטען אזעלכע מאגערע, אויסגעצערטע, ניטא אויף וואס צו קוקען. און דא, אין מיטען דעם ברודער קריג, הערט מארים, אז עס איז דא א יוניטי. מארים האט זיך אנ־געטאן א כח, איינגעפאקט זיין פעקעל, און האידא אין דער יוניטי הויז.

מארים איז אנגעקומען אין דער יוניטי אין א שעהנעם פארנאכט, און אויף דער יוניטי אימעניע רוהט די שכינה אליין און זי זעהט אויס ווי דער גן עדן התחתון. יעדע בוימעלע און יעדע בלימעלע האט אלע זיבען חנ'ען. אין אזא פארנאכט, מיט אזא פראכטפולען זונ־אונטערגאנג, איז דאס א פלאץ וואס פאסט פאר די געטער אליין. מארים קוקט און גלויבט ניט זיינע אויגען. איז טאקע אט די וואונדער־אימעניע, אט די „ראשקאש־נע דאטשע", דער רעזולטאט פון דער יוניטי פון בלויז א פאר טויזענט מייד־לאך? וואס וואלט שוין געקענט אויפ־טאן א יוניטי פון א מיליאן? פון צעהן מיליאן? און פון נאך מעהר?

ווען מארים איז אריין אין דעם ריזיגען דייינינג רום פון דער יוניטי הויז, האט ער שוין אלעמען געטראפען אויס־געזעצט ביי די סערווירטע טישען, און עסענדיג מיט דעם באוואוסטען יוניטי אפעטיט. ער איז געווען סורפרייזט פון דער סיסטעם און פון דער עפישענסי פון דער מענעדזשמענט, ווי אלעס געהט דארט ווי געשמירט, ווי אלעס ארבייט מיט דער פינקטליכקייט פון א זייגער. וואס לענגער מארים האט פארווילט אין דער יוניטי הויז, אלץ מעהר איז געשטיי־גען זיין אכטונג פאר דער מענעדזשמענט. אין יעדען ווינקעלע פון דעם גרויסען רעזארט האט זיך געלאזט פיהלען סיס־טעם און ארדער. מארים האט פילע מאל געטראכט אז עס וואלט ניט געשאדט צו ברענגען אהער זיין באלעבאס, זאל ער דא נעמען א קורס אין עפישענסי, אין סיסטעם, אפשר וואלט ער דאן געטאן בעסערע ביזנעס און ער וואלט אויפגע־הערט צו זויגען איבער זיין קאפ אויף דעם וואס ער מאכט ניט קיין געלט.

איין קליינינקייט האט אויף מארים'ן געמאכט גאר א באזונדער אנגענעמען איינדרוק: איבער'ן גאנצען הויף פון דער יוניטי וואקסען בלומען, און דער עולם געהט און שפאצירט פארביי און לאזט עס צורוה. מארים דערמאנט זיך ווי אונזערע אידעלאך פלעגען זיך אמאל אויפפיהרען אין די פארקס, און וואס פאר א בזיון דאס איז געווען, און ער זעהט אין דעם יעצטיגען באנעהמען זיך פון אונזערע אין דער יוניטי א גרויסען נאך א גרויסען פראגרעס.

יענע נאכט ווען מארים האט זיך גע־לייגט שלאפען, האט איהם גענומען בא־דערען א געדאנק, וועלכער האט איהם ניט אפגעלאזען ביז זיין אוועקפאהרען: אויב די ארבייטער האבען שוין דער־גרייכט צו אזא שטופע און צו אזא פע־הינקייט פון פארוואלטונג, טו פארוואס זאל מען ניט מאכען א טראט ווייטער און פראבירען פארוואלטען נאך עפעס, און נאך עפעס? אט, צום ביישפיל, גע־העגען ארום די פופציג טויזענט קלאוק־מאכער דינער טיים און לאזען איבער א לומפיגע פינף און צוואנציג טויזענט דאַ־לאר אין די רעסטאראנען אין דעם אר־בייטער דיסטריקט, טו ווארום קאנען דאס די ארבייטער ניט האבען אין יע־נעם געגענד כאטש א טוצען יוניטי רעסטאראנען, וואו זיי וואלטען געוויס געקראגען אזעלכע טייערע מאכלים, ווי די מיט וועלכע מען קארמעט זיי אין די גוי'אישע קאפעטיריעס? אבער מאלע וואס מ'וואלט געקאנט האבען ווען עס וואלט נאר געווען יוניטי.

עס איז א פריהמארגען, נאך ברעק־פעסט, אין דער יוניטי הויז. דער עולם איז רחבות'דיג אויסגעזעצט אויף די ראקערס. די זון שיינט, דער ריח פון דער יוניטי טייך מיט דעם ריח פון דעם סאסנאוועץ וועלדעל מישען זיך צוזאמען און דרינגען אריין דורך דער נאז אין די לונגען אריין. די פויגלען שעמען זיך ניט און שרעקען זיך ניט פאר די יוניטי־געסט, אז זיי קומען צופליהען אין זייע־רע נעסטען, וואס זיי האבען זיך גע־מאכט, טאקע דא, אויפ'ן פארטש, אין דער הויך, אונטער'ן דאך, און אויף די בוימער אין הויף. זיי צוויטשערען און פישצען אין פארשידענע טענער און אויף זייער איינענארטיגען אופן. די יונגוואוג איז אויפגעלעבט. דארטען האט זיך א בחור צוגעזעצט ביים ברעג פון א מיידעל'ס „ראקער", און דא האט א כוואטסקע מיידעל גענומען דאס זעלבע אויפ'ן בחור'ס שטול. מען רעדט, מען שפאסט, מ'לאכט, און מען שטיפט. ווער מיר דרעסעס, וואס מיר קלאוקס, חברה איז ווייט אין עולם האצילות. וואלט אונ־זערער א באס אריינגעפאלען אהער, וואלט ער אונז גאר ניט דערקענט, גאר ניט דיזעלבע מענשען. מארים זיצט אן א זייט, באטראכט דאס און קלערט, ווי שעהן, ווי געטליך די מענשען זיינען, ווען זיי פיהלען זיך כאטש א ביסעלע גליקליך

(שלוס אויף זייט 15.)

דער מענטש אין פענסטער ::

(ערצעהלונג)

פון ל. פיינבערג.

איבער דער שטאָדט פון נעבלען און פייערען האָט געלויערט דער גרויער וואהנזין.

א ברייטער, שטאַרקער, צו'להכעיס'-דיגער וואהנזין האָט, ווי א הערשערישע ווילדע חיה, אוועקגעלעגט אויף שטאָדט און מענש זיין צוביסענע פון וועהטאָג לאַפּע, ארומגענורט די לענדען פון הויכע ווענט און מויערען, געדרעהט זיך ווי א ביטרע שלאַנג איבער פּאַרקס און עוועניוס, געלויערט און געהערט יעדען טראָט פון מענש, כדי דאס צו פאר'סמ'ען און פארראַטען.

דאס איז ניט געווען דער וואהנזין פון מענש, וואס שאַפט און בויט און געהט איבער בריקען צו דער רייכער רעגענבויגען-פארביגער צוקונפט. ניין!

דאס איז געווען דער וואהנזין פון מענש, וואס געהט אונטער, דער וואהנזין פון דער מענשליכער ראַסע, וואס איז פאראורטיילט צום אונטערגאַנג. און די אימפּעטיגע האסטיגע טריט, די הויכע באפלינגעלטע וואולוואָירט-בילדינג'ס זיינען געווען די לעצטע צאפּעלדיגע אויסגעשרייען פון איהר עקשנות. אבער סוף כל סוף וועט דער לעצטער צאפּעל אויך אנטשווינגען ווערען, און ווידער וועט הערשעריש ארייגדרינגען אין וואהנזיניגען חלל דער פארטריבענער, דער פאריאַגטער תהו-ובהו.

זאַנוויל בערגער איז ארויס פון א סאַבוויי-טונעל אויף א ראַשיגער פארנעבעלטער גאַס. ס'איז שווער געווען צו דערקענען צוליב דעם נעבעל ווי ווייט דער טאָג האַלט. אזעלכע אומעטיגע שטונדען האָבען געקענט ווייזען אויף גאָר פריה נאָך און אויך שפּעט אין טאָג אריין.

אינ'ם אימפּעטיגען געיעג צו פארגעסען זיך, ערגעץ זיך אהינטאָן, האָט זאנוויל אליז נישט געקענט פארגעסען, אז ער איז הונגעריג. ער ארבייט שוין לאַנג-לאַנג נישט. וואָס וועט ער ארבייטען? מוז דען יעדער מענש ארבייטען? מוז מען דען בויען שקלאַפעריש פּתום מיט רעמסס, ווען די שטערט זיינען אליז איינס פאראורטיילט צום אונטערגאַנג? שוין לאַנג, ווי אין זיין וואהנזיניגער נשמה האָט זיך געקנוילט א האס צו אלע ווערים, וואס ערפילען זייער חוב צו דער צום טויט פאראורטיילטער געזעלשאַפט. זיין גאנצער „איך" איז געווען אנגעגאָסען מיט האס און שנאה צו אלעם ארום.

אנאליזירענדיג זיך זעלבסט, פלעגט ער אימער עקשנות'דיג קומען צום באַשלוס, אז סוף-כל-סוף וועט איהם געלינגען איינגאַנצען אויסצוטאָן זיך פון דער מענשליכער בושה, פון אלע די פאראורטיילען, מיט וועלכע דער פרייער תהו-ובהו-גייסט איז אזוי פיל יאהרהונדערטע געפּענטעט אין אייזערנע קייטען.

אוועקגעהן, זיך אפּזאגען פון דער מענשהייט, פון דער שטאָדט האָט ער קיינמאל נישט געוואָלט, נישט קוקענדיג אויף זיין האס צו אלעמען. ער האָט געטראַכט, אז אומקענען וואלט געווען א פיינהייט. ניין! — דאָ אין דער ראַשיגער שטאָדט צווישען מיליאָנען ווערים, וואס באַדעקען די פיינטע באַפּלאַסטערטע מוטער-ערד, וועט ער זיך אויסטאָן פון אלע זיינע פאראורטיילען, וועט ערפיהלען זיין האס און שנאה צו איהר שאַרפּסטען אויסברוך.

און טיילמאל איז איהם טאָקע געלונגען זיך אליין איבערצייגען, אז ער איז שוין רייף, אז אין איהם איז שוין אלעס שקלאַפעריש-מענשליכעס אויסגעראָטען. אין אזעלכע מינוטען איז ער אויף א ווײלע גליקליך געווען מיט'ן גליק פון אן אטיללא-צושטערער, אדער נעראָסטראַט-אונטערצינדער, וועלכער שטעהט פון דער הייטענס און קוקט אויפ'ן פייער, וואס ער האט פאראורזאַכט, און לאַכט מיט א טייפליש-וואהנזיניגען געלעכטער.

אבער אזעלכע מינוטען זיינען געווען ביי זאנוויל'ען זעלטען. ער האָט זיך נאָך אליז געפיהלט פארקניפּט דורך לייכטע פעדימער מיט דער מענשהייט און שטאָט און ער האָט געוואוסט, אז עס וועט נאָך נעמען לאַנג, ביז איהם וועט געלינגען זיך צו באפרייען פון סביבה און מענש און צורייסען די פעדימער. די אונפארמיידליכע געזעצען פון נאַטור זיינען נאָך געווען שטאַרקער פון איהם.

ער האָט שוין צוויי טעג נישט געגעסען. די לעצטע נאַכט האָט ער פארבראַכט, ווי א גאַנצע רייע אנדערע נעכט — אין סאַבוויי, פאַרענדיג פון איין עק ניו יאָרק ביז'ן צווייטען עטליכע מאל הין און צוריק. און איצט איז ער ארויס פון טונעל א מידער, א צובראָכענער און א הונגעריגער אויף די פון וואהנזין באפלאַסטערטע גאַסען.

ער האָט זיך ארומגעקוקט: דער הימעל פארנעפּעלט, די גאַס שמוציג און נאַס. בלויז א בריק האָט זיך געוויגט, ווי א זעהונג, ווייט איבער דעם גרויען הימעל און איבער די שמוציגע פארחשכ'טע הייזער און גאַסען.

ער האָט גענומען שפּרייזען פויל און גלייכגילטיג צו דער בריק צו. קיין מענשען האָט ער שוין לאַנג נישט באַמערקט. זיי האָבען איהם נישט מעהר אינטערעסירט. זיין שנאה צו אלעם ארום האָט איהם שוין דערפיהרט צו אזא מדרגה, אז ער האָט געקענט צווישען א גרויסען המון נישט זעהן קיין מענשען. נאָך מעהר, שפּרייזענדיג צווישען א מענגע מענשען, פלעגט זאנוויל אלעמאל זיין אונטערען איינדרוק, אז דאָס זיינען נים זיינע ברידער-מענשען. איהם פלעגט זיך דאַכטען, אז ער געפינט זיך אין א ווילדען וואלד צווישען בוימער, אדער גאָר אויף א בית-עלמין צווישען קברים. ער האָט זיך געצוואונגען נישט צו באַמערקען מענשען. און ער האָט די קונסט דערפון פאלשטענדיג באהערשט.

איצט אין נעבעלדיגען פריהמאָרגען, שפּרייזענדיג אהן א ציל איבער'ן נאַס צום בריק, האָט ער אויך קיין מענשען נישט באַמערקט. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אלעם ארומיגעס.

פלוצים האָט איהם איינע פון די ארומיגע באשעפענישען, וואס פאר אנדערע זיינען זיי געווען מענשען און פאר איהם בלויז א דעקאָראַציע צום גרויסען הור-תא פון שטאָט, האָט איהם אזא באַשעפעניש, וואס מען רופט מענש, אין א ווייסען קיטעל, מיט בלויע מאַגנעטישע אויגען אפגעשטעלט, טייטלענדיג אויף איהם מיט א לאַנגען ראַזעווען פינגער:

— יו — דו!...

זאנוויל איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרען. ער איז געבליבען שטעהן א צוגענעגעלטער צום פּלאַץ. דער מענש מיט די בלויע מאַגנעטישע אויגען, וואס האָט איהם אפּגעשטעלט אין גאַס, איז נישט געווען אזוי ווי אלע, איז נישט געגאַנגען איבער'ן טראָטואַר, האָט זיך נישט באַוועגט מיט קיין אבר. ער איז געשטאַנען אין א שוי-פענסטער אין א האלב-זיצענדיגער פּאָזע און האָט אזוי חוצפּה'דיג-מאַגנעטיש געקוקט אויף איהם און געטייטעלט אויף איהם מיט'ן פינגער...

זאנוויל האָט זיך געפּרואווט קאָנצענטרירען. ס'איז איהם אבער נישט געלונגען. די געדאַנקען האָבען גענומען יאָגען און פארגיסען זיין מאַרך מיט הייסע זודיגע לאַווע.

— ווער איז דער פאַפּירענער מענש אין ווייסען קיטעל, מיט בלויע מאַגנעטישע אויגען, וואס טייטעלט מיט'ן פינגער „ירדו!"? ווארום באַמערקען איהם נישט אלע איבעריגע פארבייגעהער? בלויז איהם, זאנווילען, האָט ער אזוי ארום אפּגעשטעלט און צוגענעגעלט צו זיך מיט זיין מאַגנעטישען בליק און פינגער, ארייגדרינגענדיג אין די טיפסטע טיפענישען פון זיין וואהנזיניגער נשמה און צווישעטען מח? אפשר איז דאס א צייכען פון אן אנדער וועלט
אנדער קיום?

דאס איז געווען א „פּאַו
פענסטער פון א סאַרא-און-קו
וואס פּרוועדייזט א געטרע

א גרויער קלעפּעדינער וו
פארנאָסען זיין מאַרך. אונ
ניג האָט זאנוויל אן עפּען נע
אין סטאָר אריין. אויפ'ן שו
געבליבען אויף א ווײלע שטע
געקומען צו זיך.

אין סטאָר איז קיינער ני
פון א צווייטען צימער ארויס
דערהערט לייכטע טרים און
איז באַלד ארייגגעקומען א
און געפרעגט ביי זאנוויל'ען
פארלאַנגט.

זאנוויל איז א ווײלע געש
שטרייט, נישט וויסענדיג וואס
פערען, אבער באַלד איז ער
זיך. ער האָט ארייגעלעגט ד
קעשענע און, ווי א געניטער
געטאָן:

— קענט איהר מיר אפּש
צעהן דאָלאַר?

דאס מיידעל איז צו צו
האָט זי אויסגעעפענט כדי א
זיך, צי דאָרט איז פאראן
געלט. — פלינקער, ווי א ו
געדאַנק אין זיין צעויושעטע
זאנוויל צו צום מיידעל, א ד
איהרע הענט ארונטער,
איהר מויל מיט א טיכעל א
ארויסשלעפּען דאָלאַר בילס פו
פענטער קאַסע. דאס אלעס
טאָן געוואָרען מיט אזא בליצ
קייט, אז ס'איז געווען אוכ
גלויבען, אז דאס איז געווען
ליכע שנעלקייט. נישט אנדע
איבערנאַטירליכע, נישט דאָא
האָט איהם געהאָלפען אין א
טאָט.

זאנוויל האָט א כאַפּ געט
לאַר-בילס, האָט זיי צוזאַמ
אין דער רעכטער האנט און ה
לאָזט געהן צו דער טיר. ער
געהאַלטען ביים אריבערש
שוועל, ווען פּלוצים האָבען פ
פארדרוקטען ווינקעל ארויס
ווידער אמאל א בליץ געטאָן
מאַגנעטישע אויגען און דער ל
זעווע פינגער האָט איהם
צום אָרט: „ירדו!"

דאס איז געווען דער זעלב
טער", נאָר א קלענערער, ווא
שטאַנען אין א זייט, אין סטאָ
די אונערוואַרטקייט איז
בליציג און שטאַרק, אז זאנוו
א וויג געטאָן פאר שרעק:
מענש מיט די בלויע מאַגנע
נען!... פון וואַנען? פון ער
קעל ארויס?... נישט אנדער
דאָרט איהם אפּגעוואַרט, נעל
איהם?...

א געפיהל פון רחמנות צ
האָט זיך, ווי א ווארעמער
גאָסען איבער'ן האלז און גע
שטיקען.

ער האָט צונויפגענומען
כחות און איז ארויס אין גאַס
אויפגעהויבען א שטיין און
מערליכען שלוכץ איהם א ש
טאָן אין פענסטער אריין, אי
מאַגנעטישע אויגען, אין ד
פינגער, וואס האָט איהם א
פארפאלגט מיט זיין שרייען
„ירדו"....

עס האָט זיך דערהערט א
פון צובראָכענע שויבען. פ
האָבען זיך אפּגעשטעלט. ע
צוזאמענגעלאָפען א גרויסער

זאנוויל איז געלעגען אוי
ער לעבען דעם אויסגעהאַקטע
א פאר'חלש'טער. אין פויס
געהאַלטען צוזאמענגעדריקט
בילס.

און איבער דעם המון, אי
ען וואהנזין פון הימעל און ע
צו דער ערד צוגענעגעלטען
האָט זיך געהויבען און געש
ראַזעווע פינגער מיט די ב
טישע אויגען פונ'ם מענש אי

באַדאַנקען ביזנעס-אי
און שאָפּ-טשערמ

מיר די ארבייטער פון ב
דערס שאָפּ, באַדאַנקען אונ
איידזשענט, ברודער פלאָם,
ברודער פרענק פאר זייער ה
טרייע ארבייט, וואס זיי האָבע
געטאָן מיר זאָלען געהן צוריק
בייט, מיר האָבען דעם גרעסט
און אכטונג פאר זיי.

מיט ברידערליכען גר

לואי גאָלדשטיין, משה
וויקטאָר פרידמאַן,
הערי ווייבער.
די קאָמיט

וואס אונזערע „רענק-ענד-פייל'ער" דענקען וועגן די רויטע סקעב-אגענטען

ווערטער הער רעדאַקטאָר:

איהר קאָנט זיך קוים פארשטעלען, מיט וואָס פאר אן עקעל אונזערע בעלי-מלאכות ריידען וועגען דעם לינקען שמוי-בלעטעל. לאָמיר אייך דערציילען וואס איך האָב זיך אנגעהערט אין די האַלס צווישען די סטרייקער.

אָט זעה איך א גרופּע קלאָוקמאַכער שטעהענדיג אין א קרייז און מען דעבאַטירט גאַנץ היציג. איך געה צו, הער איך ווי איינער טענה'ט: נו, וואס זאָגט איהר דערצו — די יוניאָן שיקט ארבייטער און די באָסעס שיקען צוריק.

— ווער האָט אייך דערצעהלט אזעלכע מעשׂות? — פרעגט איהם איינער פון רעדעל.

— וואס הייסט פון וואַנען? — ענטפערט דער יוניאָן-אנקלעגער, — איך האָב געלעזען אין דער „פרייהייט".

דער עולם האָט זיך הארציג צולאַכט.

— וואס לאַכט איהר? אז אָך און אז וועה צו אייער געלעכטער, — שרייט דער יוניאָן-מקטרג.

— הערט זשע, — רופט זיך אָפּ א צווייטער, — איהר גלויבט אלעס, וואס די פאסקוויל-בלעטעל שרייבט אייך, טו הערט זיך איין, וואס איך וועל אייך דערציילען פון מיין אייגענער ערפאַרונג. אנומעלט שיקט מען מיך צו א שאָפּ אום אויסצופילען די נויטיגע צאָהל ארבייטער. איך קום צוגעהן אין שאָפּ, זאָגט דער באָס צו מיר, אז ער האָט נאָך פאר מיר קיין ארבייט ניט. ווער איך דאָך מסתמא אין כעס און לויף אוועק אין בעטהאָווען האָל און געפין אויס דעם מאַן, וואס האָט מיך ארויפגעשיקט און לאָז אויס כל חמתי צו זיין קאָפּ. ער האָט מיך אויסגעהערט, און רופט זיך אָפּ צו מיר גלאַסען: ברודער, קילט זיך אָפּ, עס וועט אלעס גוט זיין. נאָר אהן כעס. געהט צו אין דזשאָינט באָארד צפּים, מאַכט א קאמפּליינט און שרעקט זיך ניט, איהר וועט ארבייטען. זיין געלאַסענער טאָן האָט מיר אביסעל אפּגעקילט, און איך בין אוועק. און וואס, מיינט איהר, איז די ענדע געווען. איך ארבייט דאָרט און דער באָס איז צופרידען פון מיין ארבייט. נו, געהט איהר גלויבען וואס די פאסקודנע רויטע סקעב-בלעטעל פּאַטשקעט!

איך האָב זיי געלאָזען רעדענדיג און בין אוועק אין א צווייטען האָל. דאָרט האָב איך אויך געפונען א גרופּע קלאָוקמאַכער דעבאַטירענדיג. איך געה צו און הער פאָלגענדעס: אזא פאסקודנער סקעבאַטש, ער מאַכט זיך כלומרשט פאר אונזער פריינד, ווער בעט איהם מישען זיך אין אונזערע ביזנעס. דו זאָגסט, דו ביזט א קאָמוניסט, זיי זיך. אבער וואס זשע געהסטו ברעכען יוניאָנס? ער איז אזוי א קאָמוניסט ווי איך בין א רב. ער איז געווים אן אנגעשטעלטער פון די באָסעס, און מאַכט א פרום פּנים מען זאָל איהם ניט דערקענען.

— ר'זאָג אייך, ס'איז הימעל-שרייענד. וואס טויג מיר אייערע פוסטע רייד, איהר ווייסט ניט וואס איהר רעדט, — האָט זיך ארויסגעכאַפּט אן אלטער מאַן מיט א ווייסע באָרד, קענטיג א שניידער. — אָט לאָזט מיך, איך וועל אייך עפּעס דערציילען. ביי אונז אין שטעטעל איז געווען א מאַן. מען האָט איהם גערופען מאָטקעלע כל בוניק. פאר דעם מאָטקען האָט די גאַנצע שטעטעל געציטערט. פארמסור'ען אימיצען איז געווען ביי איהם א קלייניגקייט. שטעטיל האָט באשלאָסען צו צאָהלען איהם אלע מאָנאַט לא יחרץ געלט — פון דאַן אן איז שוין אלעס געוואָרען בשר וישר. און איך זאָג אייך, אז מיר דאַרפען דעם פאסקוויל בלעטעל אויך צאָהלען לא יחרץ געלט און איהר וועט זעהן סאַרא פיינע לייטע אונזערע פיהרער וועלען ווערען, און אונזער יוניאָן וועט זיין די בעסטע, ווייל זייער גאַנצע בילעריי איז נאָר דערפאַר וואס מען גיט זיי נים קיין געלט, און ווען אונזער יוניאָן וואָלט...

דאָ האָט זיך פון קראַוד ארויסגעכאַפּט א מאַן מיט א פּאָר גרויסע הענט און האָט געגעבען א רעוע, אז אלע זיינען פארציטערט געוואָרען, קענטיג א פרעסער: — וואס מיינט איהר, מיר זאָלען די כל-בוני'קעס געלט געבען? א מכה! וואס דיינקט איהר, מיר זיינען ביי אייך אין שטעטעל. איך קאָן זיי געבען א גוטענע קרענק. מיר האָבען ניט קיין מורא פאַ קיין כלבים. איך קאָן זיי געבען אָט דאָס! — און דערביי האָט ער געוויזען א פּאָר גרויסע קולאַקעס.

אָט אזוי פיהלען די מעהרסטע קלאָוקמאַכער בנוגע צו אונזערע ניי-מאָדנע סקעב-אגענטען און פראָוואָקאַטאָרס. עס איז זיכער, אז עס איז ניטאָ די מינדסטע געפאַהר, אז די רויטע בלאַפערס זאָלען קאָנען אימיצען פון אונזערע קלאָוקמאַכער פארטומלען דעם מוח.

אייער אכטונגספול,
בן אליעזר.

רען אנגענומען פארשידענע באשליסע, און ווארום די יוניאָן האָט אין דעם פאל געמוזט דורכמאַכען די פּראָצעדורע פון א רעפערענדום, דאָס קאָנען מיר ניט פארשטעהן. דאָס איז איינס. וואס אמבאַטרעפט דעם דאָקטאָר-עקזאַמען, מיינט עס ניט, אז דער אפּליקאַנט קאָן ניט ווערען קיין יוניאָן מעמבער. ווען זיין קראַנקהייט איז נאָר ניט קיין אַנשטעקענדע, וואס קאָן זיין א געפאַר פאר די אנדערע ארבייטער אין שאָפּ, ווערט ער אנגענומען אלס מעמבער, נאָר פון דעם בענעפיט-פאָנד איז ער אויסגעשלאָסען. ווידער וועגען דער פאָדערונג, אז די יוניאָן זאָל באַשטימען שוין, ווי גרויס עס זאָל זיין דער בענעפיט אין פאל פון קראַנקהייט, דאָס איז, דאַכט זיך אוממעגליך. איינער קאָן זיין קראַנק א יאָהר, א צווייטער מעהר. איינעמס שווינדזוכט קאָן זיין לייכט, היילבאַר, א אנדערענס שווערער. טו ווי קאָן די יוניאָן שוין איצט באשטימען „כך וכך"? וועגען דעם לעצטען פּונקט איז נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען פריינד אייזנער, אז די יוניאָן האָט נאָך קיין באַשלוס ניט אנגענומען.

פובליסיטי משוגעת

פון א. זעלדין.

ריטשארד לאעב און נייטהען לעאפאלד האבען דער'הרג'עט דעם יונגען ראבערט פרענקס דערפאר וואס זיי האט זיך נעגלוסט שטארקע איבערלעבונגען און אויך אביסעל פובליסיטי אין די צייטונגען און זיי ווערען איצט פראצעסירט נאר דערפאר וואס דעם דיסטריקט אטארני פון שיקאגא ווילט זיך אביסעל פובליסיטי פאר זיך און א פאר פון זיינע מיטהעלפער.

קיין אנדער ערקלעהרונג פאר דעם פראצעס, וואס עס געהט איצט אן נעגען די צוויי מיליאנערסקע קינדער אין שיקאגא, איז, דאכט זיך, ניטא.

ווענען דער קיים נופא איז דא ניטא קיין סך וואס צו ריידען. עס איז א פאטאלאגישע קיים פון צוויי יונגע לייט, כמעט נאך קינדער, וואס זיינען משוגע געווארען פון וואוילטאג.

מען קען ציהען פון דער קיים אזוי פיל מוסר השכל'ס, וויפיל מען וויל נאר אליין. מען קען עס אויסנוצען אלס א שטארקע אנקלאגע נעגען דער הערשענדער קאפיטאליסטישער ארדנונג, וואס זאמעלט אן אזוי פיל רייכטימער אין די הענט פון די איינצעלנע, ניט זיי זעהר א סך מאכט און סוף כל סוף פארדארבט זיי אט די מאכט און וואוילטאג ביז צו דער מדרגה פון משוגעת.

פון דעם קרימינעלען שטאנדפונקט אבער איז די קיים זעהר א קלאהרע, פון דעם קרימינעלען שטאנדפונקט איז נאר געווען א פראגע, צי די צוויי באשולדיגטע זיינען אמת שולדיג אין דעם פארברעכען, אין וועלכען זיי זיינען באשולדיגט געווארען, אדער זיי זיינען ניט שולדיג. אבער אזוי לאנג ווי ביידע אנגעקלאגטע האבען זיך ערקלעהרט שולדיג און גרייט צו ליידען די שטראף, וואס דער געזעץ פאדערט פאר אזא פארברעכען, איז דער גאנצער פראצעס געווען אן איבעריגער. צוליב וואס געהן באווייזען אז איינער איז שולדיג, ווען דער אנגעקלאגטער אליין איז זיך אין אלץ מודה? צוליב וואס רופען עדות, ברייגגען באווייזען, ארויסברייגגען די שוידערליכע איינצעלהייטען פון דעם פארברעכען, ווען מען דארף קיינעם אין דעם ניט איבערצייגען?

דאס וואלט געווען אם פלאץ, ווען די אנגעקלאגטע וואלטען געלייקענט די קלאגע נעגען זיך. דאן וואלט א דזשורי געדארפט ענטשיידען אויף דעם ספק פון די באווייזען, צי די קלאגע איז א באגרינדעטע, אדער ניט. ווי באלד אבער די אנגעקלאגטע האבען אלץ אליין באשטעטיגט איז דאך דאס איינגאנצען איבריג. די זאך הייננט אפ נאר פון דעם ריכטער, וואס דארף ארויסגעבען די שטראף. ער קען, לויט דעם געזעץ, ענטוועדער זיי שיקען צו דער תליה, אדער פאראורטיילען צו לעבענסלענגליכע געפענגניס, אדער געבען זיי דעם מינימום שטראף פון פערצעהן יאהר. צוליב וואס, אלזא, דער גאנצער פראצעס?

איז דער ענטפער — ווי פריהער געזאגט — פובליסיטי! ווי האט געקענט דער דיסטריקט אטארני פון שיקאגא אויסלאזען אזא גאלדענע געלעגענהייט ניט צו פיגורירען אין די צייטונגען? ווי אזוי האט ער געקענט פארנאכלעסיגען אזא צופאל און ניט לאזען וויסען דער וועלט וואס פאר א גלענצענדער פראקוראר ער איז און וואס פאר א מערקווירדיגע דעטעקטיוו-פעהיגקייטען ער פארמאגט? און אפשר וויל נאר אויפבויען דער שיקאגאער דיסטריקט אטארני זיין פאליטישע קאריערע אויף דעם פראצעס? אפשר האפט ער צו ווערען גאווערנאר פון זיין סטייט, אדער סענאטאר אין יונייטעד סטייטס סענאט, אדער גאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען?

אזוי צו אזוי און דערווייל האבען מיר דעם ספעקטאקל פון א פאלשטענדיג איבעריגען פראצעס אנגעפיהרט אויף דעם באזיס פון אומוויסענהייט און דעמאגאגיע און א גוטע געלעגענהייט פאר אויפקלעהרונג ווערט דערווייל פארלארען געגאנגען.

און דער שיקאגאער מארד-פאל איז באמת זעהר באלעהרענד. ער איז זעהר כאראקטעריסטיש ווענען דער דעגענעראציע אויף דעם געשלעכטליכען בארען בכלל און אין די היגע פענסטער בפרט. אבער אנשטאט א לעהרע איז דער פראצעס פארוואנדעלט געווארען אין א ס ע נ ז א צ י ע.

וואס האט געטריבען די צוויי יונגע לייט צו באגעהן דעם מארד?

דער אויבענאויפיגער ענטפער איז — ווייל זיי זיינען געווען שלעכט און פארדארבען, אבער דער ענטפער ענטפערט גארנישט. עס איז גענוג א קוק צו טאן אויף זייערע בילדער און איהר זעהט פאר זיך צוויי שעהנע בחורים, מיט אינטעליגענטע פנים'ער און היפיל איהר זאלט זיך ניט אנשטריינגען קענט איהר אין זיי ניט באמערקען יענע סמנים פון א „חיה אין מענשען געשטאלט”, וואס אייער פאנטאזיע האט זיי פאר אייך אויסגעמאלען. פארקעהרט, זיי זעהען אויס צו זיין זעהר סימפאטיש, גוט ערצויגענע, העכסט געבילדעטע יונגע לייט, פון דעם טיפ, וואס יעדער איינער, מיט ערוואקסענע טעכטער, וואלט זיך געוואונשען צו קריגען אלס איידעם צוליב זייערע אייגענע מעלות, שוין ניט ריידענדיג פון זייער רייכטום און זייער שטעלונג אין דער געזעלשאפט.

ווי אזוי האבען, אלזא, אזעלכע פיינע בחורים, מיט אזוי פיל פארשפרעכונגען, געקענט באגעהן אזא שרעקליכען מארד?

איז דער תירוץ — עס איז דא נאך אין אונז פארבליבען גענוג פון דעם אמאליגען פראהיסטארישען און פראציווילייזירטען צושטאנד, וואס איז נאך ניט אינגאנצען אפגעמעקט געווארען פון דער קולטור און דער ציוויליזאציע. עס שיינט אז די קולטור און ציוויליזאציע האט דאס פארטריבען בלויז אין הינטערגרונד, אין אונזער הינטערבאוואוסטזיין, פון וואנען דאס קען פון צייט צו צייט ארויסשפרינגען אונטער געוויסע אומשטענדען.

לעאפאלד און לאעב, אין אנדערע ווערטער, זיינען העכסט וואהרשיינליך ניט ערגער און ניט בעסער פון דעם דורכשניטליכען מענשען. דאס וואס זיי זיינען באגאנגען אזא פארברעכען, וואס א דורכשניט מענש באגעהט געוועהנליך ניט, האט געקענט זיין נאר דער רעזולטאט פון די ספעציעלע אומשטענדען, אין וועלכע זיי זיינען געבוירען געווארען און ערצויגען געווארען. רייכטום, וואוילטאג און אפילו בילדונג, ווי עס זעהט אויס, זיינען אזא גינסטיגער בארען פאר פארברעכען, ווי ארעמקייט, עלענד און אומוויסענהייט.

לעאפאלד און לאעב קענען דעריבער באטראכט ווערען אלס קרבנות פון דער איצטיגער געזעלשאפטליכער סיסטעם, ווי למשל א געוועהנליכער קעשענע גנב, אדער א „גאן-מען”.

פון קליינווייז אויף האבען זיי געהאט אלץ וואס זיי האבען געוואלט. צו נייגצעהן יאהר, ווען דער דורכשניטליכער נארמאלער בחור דארף נאך זיין אין א גאנץ היבשער מאס געשלעכטליך נאאיוו, זיינען זיי שוין געווען איבערגעזעטיגט מיט פרויען. דער נארמאלער געשלעכטליכער לעבען האט זיי שוין מעהר ניט צופרידענגעשטעלט און זיי האבען געזוכט אנדערע מיטלען ווי אזוי צופרידענשטעלען זייער תאוה. די צייטונגען שווייגען אפילו ווענען דעם, ווייל עס איז ניט אנגענומען ווענען דעם צו ריידען עפענטליך, אבער עס איז גענוג געזאגט געווארען אז מען זאל זיך קענען אנשטויסען, אז זיי האבען דערמארדעט דעם יונגען פרענקס ניט בלויז פאר דעם פארגעניגען צו מארדען — דאס האט געקענט זיין א זייטיגער מאטיוו, וועניגסטענס ביי איינעם פון זיי, ביי לאעב'ן; און אויך ניט בלויז פאר די צעהן טויזענד דאלאר אויסלייז געלט, וואס זיי האבען געפאדערט פון דעם ערמארדעטענס פאטער — וואס דאס איז אויך געוויס געווען א צווייטער זייטיגער מאטיוו; דער הויפט מאטיוו, דער פונדאמענטאלער מאטיוו, אזוי צו זאגען, איז געווען אינגאנצען אן אנדערער. דער הויפט מאטיוו, לויט אלע אנצייכענונגען, איז געווען, וואס מען רופט דאס אן „מעשה סדום”, אדער האמאסעקסואליזם. דאס איז געווען דער אנפאנג פון דעם פארברעכען. דאס איינגעל איז געקידנעפט געווארען פאר אוממאראלישע צוועקען. ערמארדעט איז ער געווארען ווייל די צוויי חברה-לייט האבען מורא געהאט אז ער וועט אויסזאגען אויף זיי. און אז זיי האבען איהם ערמארדעט איז זיי איינגעפאלען צו מאנען אויסלייז געלט.

עס קען טאקע געמאלט זיין, אז דער גאנצער פלאן איז נאך אויסגעארבייט געווארען מיט חדשים צוריק, ווי די אנקלאגע וויל באהויפטען. אבער ווען אפילו דאס זאל זיין אמת קען נאך אלץ קיין ספק ניט זיין, אז דער הויפט מאטיוו איז געווען דער ערשטער און ניט די לוסט צו מארדען און אויסלייז געלט. דער לוסט צו מארדען, אויב איהר ווילט, איז אויך ניט מעהר ווי איין פארם פון געשלעכטליכער פערווערזיטעט.

וואס עס איז אם שטארקסטען אין דער גאנצער אנגעלעגענהייט איז ניט די גרויזאמקייט פון לעאפאלד און לאעב, נאר די גרויזאמקייט פון דעם גאנצען הערשענדען קלאס, פון וועלכען זיי שטאמען. דאס באמאנט, פארשטעהט זיך, קיינער ניט, אבער דאס וואלט געדארפט זיין דער הויפט מוסר השכל פון דער געשיכטע.

לעאפאלד און לאעב זיינען געכאפט געווארען און זיי וועלען קריגען א שטראף. עס איז ניט וויכטיג צי מען וועט זיי שיקען אויף דער תליה, ווי דער דיסטריקט אטארני וויל, אדער מען וועט זיי געבען לעבענסלענגליכע געפענגניס, ווי די פארטיידינונג וויל. וואס עס זאל ניט זיין, אבער מען וועט זיי באזייטיגען, אומשעדליך מאכען.

אבער וויפיל אזעלכע לעאפאלדס און לאעבס זיינען ניט געכאפט געווארען? וועפיל פון זיי, האבענדיג באגאנגען אזעלכע שוידערליכע, אדער נאך ערגערע, פארברעכענס, געהען ארום פראנק און פריי און פארנעמען נאך אפשר הויך געשטעלטע פאזיציעס אין דער געזעלשאפט? וויפיל פון זיי זיינען אין דעם ראנג פון גענעראלען, וואס קאמאנדירען ארמייען, אדער דיפלאמאטען, וואס באשטימען דעם שיקזאל פון פעלקער, ריכטער, פינאנסירען און אינדוסטריע מאגנאטען?

עס איז גאר ניט קיין איבערטרייבונג, עס ווערען דאך באגאנגען טעגליך שרעקליכע פארברעכענס כמעט אהן קיינע מאטיווען וואס ווערען ניט אויפגעקלערט און עס איז דא גענוג גרונט צו גלויבען, אז אט די פארברעכענס ווערען אויך באגאנגען פון יונגע אדער עלטערע מענשען, וואס יאגען זיך נאך שטארקע איבערלעבונגען.

מען כאפט זיי ניט, ווייל אויף אט דעם קלאס מענשען פאלט דער חשד צום לעצטען. לעאפאלד און לאעב וואלטען אויך ניט געכאפט געווארען, ווען ניט דער צופאל, וואס דער ערשטער האט פארלארען זיינע ספעציעל געמאכטע ברילען.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

עס ווערט באריכטעט צום דזשוינט באארד, דאס די באארד אף גריוועגסעס פון דער יוניאן מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן האבען אין גאנצען צוויי מאנאטען פארהאנדעלט צוויי הונדערט מיט נייגציג פינף „קייסעס”. כמעט אלע קלאגען זיינען געמאכט געווארען פון דער יוניאן. דער רעזולטאט איז געווען, דאס זעקס און דרייסיג קייסעס זיינען אנטשיידען געווארען צום גונסטען פון דער יוניאן, 151 קייסעס זיינען אויסגעגליכען געווארען צו דער צופרידענהייט פון ביידע צדדים, 2 קייסעס זיינען אנטשיידען געווארען צום גונסטען דער אסאסיאיישאן, 88 זיינען נעדראפט געווארען און אין 18 קייסעס זיינען די קלאגען צוריקגעצויגען געווארען פון די ארבייטער אליין.

פון די פינף און דרייסיג ביזנעס איידזשענטס, וועלכע זיינען ערוועהלט געווארען דעם 20טען דזשולי 1912, זיינען בלויז 4 ערוועהלט געווארען צום ערשטען מאל. די איבעריגע 31 האבען שוין געדינט דער יוניאן בעפאר. די נייע ערוועהלטע זיינען ר. בארינשטיין פון לאקאל 9, מאקס בראדפילד פון לאקאל 11, סעם פריזמאט פון לאקאל 23 און דזש. לימאנאפסקי פון לאקאל 35.

עס ווערט ערקלערט א סטרייק נעגען דער פירמע א. קעמפ און קא. פון 135 ספרינג סט דערפאר, ווייל די פירמע האט פאר א לאנגע צייט קאלעקטירט „ניקעלס” פון יעדען בעל-מלאכה פאר יעדען גארמענט וואס ער האט געמאכט, אלס א רעדאקשאן פון דעם פרייז פער גארמענט. וואס די יוניאן האט געקענסעלט. עס איז אויך באוויזען געווארען, דאס די קאטערס פלעגען יעדע וואך צוריקגעבען דער פירמע פון דריי ביז פינף דאלאר.

נען איהר איז פונקט, ווי איינער וואלט זיך געשלאגען מיט'ן קאפ אן וואנט. אויב די באלטימארער קלאוק-מאנופעקטשורער פארשטעהען עס, וועלען זיי געוויס באלד איינזעהען די נויטווענדיגקייט פון אונטערצוגעבען זיך צו דאס אומפארמיידליכע און אריינטרעטען באלד אין פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן, און טאקע אזוי גיך, ווי מעגליך מאכען זיך פארטיג און פעהיג צו מאנופעקטשורען יוניאן-קלאוקס. וועלען זיי אבער בלייבען איינגעשפארט, מיינט עס נאר צו פארציהען פאר א קורצע ווייל'ע די אומפארמיידליכע נסיסה. באלטימאר אלס קלאוק-צענטער מוז ווערען דורך און דורך א יוניאן-שטאדט.

מיר ווילען אויך האפען, אז אויך אלע קלאוקמאכער אין באלטימאר פארשטעהען ענדליך, אז די צייט איז פארביי, ווען זיי האבען געקענט קאנקורירען דורך זייער ביליגער ארביים, דורך זייערע לאנגע שטונדען, דורך זייער משוגענע יאגעניש ביי דער ארביים מיט זייערע ברידער אין ניו יארק, און אזוי ארום ארויסגעריסען פון זיי דעם ביסען ברויט פון מויל, און אליין אויך גארניט געהאט דערפון. דאס קאן ניט און וועט מעהר ניט געהן, זיי מוזען ענדליך איינזעהען, אז די צייט איז געקומען, ווען זיי מוזען ווערען אמת גוטע יוניאן-לייט, ניט בלויז יוניאן-לייט מיט'ן מויל, נאר יוניאן-לייט מיט'ן גאנצען הארצען; יוניאן-לייט, וואס סקעבען ניט געגען זיך אליין; יוניאן-לייט, וואס באשטעהען אויף אלע זייערע רעכטע, אלס ארבייטער און מענשען. מיר זיינען דארום זיכער, אז דער זיג, מיט וועלכען דער איצטיגער קלאוקמאכער-קאמף אין באלטימאר וועט געקרוינט ווערען, וועט זיין א דויערהאפטער זיג, א זיג, וואס וועט מאכען אומנויטיג די אפטע קעמפע, וואס זיינען ביז איצט געווען אזא געוועהנליכע פאסירונג אין באלטימאר.

נאך א נויטיגער דעפארטמענט, דער ריסוירטש דעפארטמענט, אין אפיס פון אינטערנעשאנאל

א ריסוירטש דעפארטמענט איז פון א לאנגע צייט פריהער שוין באטראכט געווארען פאר זעהר ווינשענסווערט און וויכטיג פאר אונזער אינטערנעשאנאל. אין אלע אונזערע סכסוכים מיט די בעלי בתים, כאטש עס האבען אונזערע פיהרער קיינמאל ניט געפעלט די נויטיגע ארגומענטען, אבער זעהר אפט האבען זיי געשפירט א מאנגעל אין די נויטיגע פאקטען. און האבען זיי שוין געהאט פאר זיך געוויסע פאקטען, זיינען זיי ניט געווען גענוג סיסטעמאטיזירט, אום צו מאכען דעם נויטיגען איינדרוק. א חוץ דעם, אזא גרויסע ארגאניזאציע, ווי אונזערע, און וואס שפילט ווירקליך ניט נאר א נאציאנאלע, נאר אויך א אינטערנאציאנאלע ראליע, און וואס דארף דארום זיין גענוי באקאנט מיט דער לאגע אין אלע אינדוסטריען, וואס זיינען דירעקט אדער אינדירעקט פארבונדען מיט איהר, איז געווען אין דער הינזיכט שטארק צוריקגעשטאנען אין פארגלייך מיט אנדערע ארגאניזאציעס, וואס זיינען פון א פיל קלענערער באדייטונג, ווי אונזער אינטערנעשאנאל. דערפאר איז דער געדאנק פון דער נויטיגקייט פון א ריסוירטש דעפארטמענט געווען שוין פאר א לאנגע צייט אין דער לופט. אבער ביז איצט איז עס ניט געלונגען צו מאכען איהר פאר א ווירקליכקייט. פרעזידענט זיגמאן האט באשלאסען, אז דער געדאנק מוז פארווירקליכט ווערען, און, ווי אונז שיינט, וועט דער ריסוירטש דעפארטמענט באלד ווירקליך זיין א פאקט, און וועט בילדען מיט זיך זעהר א וויכטיגע צובויאונג צו אונזער אינטערנעשאנאל.

מיר זאגען עס מיט אזא זיכערהייט, ווייל, ווי אונז שיינט, האט פרעז. זיגמאן ענדליך געפונען די פאסענדע פערזאן, וואס זאל טאן די דאזיגע ארביים. מיר זיינען ביז איצט ניט געווען באזונדערס גליקליך אין די מענשען, וועלכע זיינען געווען פאר א צייט אנגעשטעלט אום אויסצופיהרען די ארביים. דערפאר איז טיילווייז דער ריסוירטש דעפארטמענט געבליבען א טרוים. איצט, אז די ארביים איז איבערגעגעבען געווארען צו דער פארוואלטונג פון מיסס מארגארעט גערדסבי, איז כמעט קיין צווייפעל ניטא, אז דער טרוים פון אן אמת'ן ריסוירטש דעפארטמענט וועט ענדליך פארווירקליכט ווערען.

אלע, וואס קענען מיסס גערדסבי, זיינען איינשטימיג, אז זי איז די אידעאלע פערזאן פאר די דורכפיהרונג און פארוואלטונג איבער דעם דעפארטמענט. צעהן יאהר האט זי געדינט אנקעל סעם אין זיין לייבאר דעפארטמענט, צוערשט אלס לייברעריען, און נאכדעם אלס סטאטיסטיקער אין ארבייטער-אנגעלעגענהייטען, וואס דאס איז אייגענטליך די ריסוירטש-ארביים, וואס מיר דארפען. מיסס גערדסבי, א חוץ איהר גרויסער ערפארונג, איז א פערזאן פון הויכער אינטעליגענץ. אבער אין איהרע ארטיקלען, וואס מיר האבען געלעזען אין דעם „מאנטלי לייבאר רעוויו”, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון דעם יונייטעד סטייטס דעפארטמענט און לייבאר, האבען מיר אויסגעפונען, אז א חוץ אינטעליגענץ, פיהלט מיסס גערדסבי א טיפען אינטערעס אין אלץ, וואס איז נוגע די ארבייטער אין זייערע קעמפע פאר א בעסערען, מעהר מענשענווירדיגען לעבען. און מיר דענקען, אז א חוץ דעם ריסוירטש דעפארטמענט, איז זי אליין א גרויסער געווינס פאר אונזער אינטערנעשאנאל. מיר נויטיגען זיך אין מענשען מיט אינטעליגענץ און מיט אמת'ער ליבע און געטריישאפט צו דער ארבייטער באוועגונג. דאס איז אייגענטליך געווען איינער פון די גרינדע, וואס האט איהר באוועגט צו פארבייטען די שטעלע אין דעם יונייטעד סטייטס דעפארטמענט און לייבאר אויף די שטעלע אין דער אינטערנעשאנאל. מיר האפען אויך צו זעהן איהרע ארטיקלען אין אונזער „גערעכטיגקייט”, אזוי שנעל, ווי זי וועט זיך מיט אונז אביסעל בעסער באקאנען. א הערצליכען „ווילקאמען” רופען מיר צו צו מיסס מארגארעט גערדסבי אין די רייען פון די אינטערנעשאנאל טוער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VI. No. 31. — New York, Friday, August 1, 1924.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דער דרעסמאכער סטרייק אין שיקאגא

עס האט זיך גראד אזוי געמאכט, דאס בעת די קלאוקמאכער אין ניו יארק האבען זיך געגרייט ארויסצוגעהן אין א גענעראל סטרייק פאר די פארערונגען, וואס זיי האבען געשטעלט צו זייערע בעלי בתים, איז דער גענעראל סטרייק פון די דרעסמאכער אין שיקאגא אויפגעגעבען געווארען. מיר האבען דאן בשום אופן ניט געקענט אפגעבען זיך מיט א גרינדליכער באטראכטונג פון דער דאזיגער וויכטיגער פאסירונג אין אונזער יוניאן, ווי זי האט עס פארדינט. איצט קאנען מיר עס טאן, און מוזען עס טאן. דער דרעסמאכער סטרייק אין שיקאגא פארנעמט זיכער א זעהר געהויבענעם פלאץ אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעישאנאל בכלל און פון דער ארבייטער־באוועגונג בפרט, און ניט מיר קאנען און ניט מיר ווילען איהם פארשווייגען. ווארום, ניט נאר האבען מיר זיך גארניט וואס צו שעמען אין פארבינדונג מיט דעם דאזיגען ארבייטער־קאמף, נאר מיר האבען דאס פולסטע רעכט צו שטאלצירען מיט איהם.

❦

אמת, דער קאמף האט ניט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען. די מעהרסטע ניט־יוניאן שעפער, געגען וועלכע דער סטרייק איז הויפטזעכליך געצילט געווארען, זיינען נאך אויך איצט ניט־יוניאן שעפער. מיר קאנען ניט און ווילען ניט פארשווייגען דעם גאנץ טרויעריגען פאקט, דאס א היבשע צאהל פון די דרעסמאכער אין שיקאגא זיינען נאך איצט געצוואונגען צו ארבייטען אין ניט־יוניאן־שעפער. מעגט איהר, אויב איהר ווילט, באהויפטען, אז די יוניאן האט פארלארען איהר שלאכט. און מיר, פון אונזער זייט, האבען גארניט בדעה אויסצופיש'לען אונזער פארלוסט אין א זיג. יע, עס איז אמת, די יוניאן איז געשלאגען געווארען. די יוניאן האט געמוזט זיך צוריקציהען פון שלאכטפעלד. און דאך זיינען מיר באמת שטאלץ אויף דעם קאמף, וואס מיר האבען אויסגעפאכטען פאר 4 מאנאטען צייט.

❦

עס איז לייכט פאר איינעם, וואס איז פון דער ווייטענס, צו פרעגען: ווארום אבער איז דער קאמף פאר אזוי לאנג פארצויגען געווארען? און טאקע אויף דעם סמך שארף קריטיקירען די יוניאן. זאל עס דא ערקלערט ווערען, דאס דער שרייבער פון דיזע צייל ען, זייענדיג פון דער ווייטענס, און ניט זייענדיג גוט באקאנט מיט אלע אומשטענדען, איז פאר א צייט געווען פון דערזעלבער מיינונג, אז דער קאמף איז אומנויטיגערהייט פארצויגען געווארען, אז ער האט באדארפט אויפגעגעבען ווערען פיעל פריהער. אבער דורכריידענדיג זיך מיט ווייס־פרעזידענט פערלשטיין, דעם פיהרער פון דעם קאמף, וועלכער איז געקומען אויף עטליכע טעג נאך ניו יארק, האבען מיר איינגעזעהען, אז דאס איז פשוט געווען אן אוממעגליכקייט. און אוממעגליך איז עס געווען הערפאר, ווייל זעלטען, זעלטען קומט פאר אזא סטרייק מיט אזעלכע בעלי בתים און מיט אזעלכע סטרייקער, און אונטער אזעלכע אומשטענדען, ווי אין שיקאגא.

❦

פאר די, וואס האבען אליין ניט מיטגעמאכט דעם קאמף, וועט עס זיין זעהר שווער זיך פארצושטעלען, וואס פאר א בינטעל דרעס־מאנופעקטשורער שיקאגא פארמאגט. דאס זיינען מענשען — אויב מען מעג זיי אזוי אנרופען — מיט הערצער פון שטיין; מענשען, וועלכע זיינען געווען בארייט צו פארשיקען טויזענטער מענשען אין פריזאן, יע, צו טרעטען מענשליכע לעבענס מיט די פיס, אבי נאר אויספיהרען דאס זייעריגע, און קאנען שאלטען און וואלטען איבער זייערע ארבייטער, ווי איבער ריכטיגע שקלאפען. זייער ביטערער עקשנות איז געגאנגען אזוי ווייט, דאס זיי האבען זיך אליין האלב רואינירט, דער סטרייק האט זיי געקאסט א געוואלדיגען פארמעגען, אבי נאר צו שלאגען די יוניאן. די דאזיגע ברואים שטעלען מיט זיך פאר ווירקליך די סאמע פארקערפערונג פון דער שענדליכסטער עקספלואטאציע, וואס די קאפיטאליסטישע סיסטעם האט ארויסגעבראכט. דאס זיינען ברואים אהן א פונק פון עהרענהאפטיגקייט. די עפענטליכע מיינונג עקזיסטירט ניט פאר זיי. מעג זיי די גאנצע וועלט פאראכטען און פארדאמען; מעג געגען זיי ערקלערט ווערען אן עפענטליכער באיקאט, ארט עס זיי ווי די וואנט. עס פעהלט זיי ווירקליך יעדער מאראלישער חוש.

❦

דאס איז דער טיפ דרעסמאנופעקטשורער, געגען וועמען די יוניאן איז ארויס אין קאמף. און די יוניאן האט זיי גוט געקענט. זי האט זיי געקענט נאך פון דעם סטרייק פון 1917, ווען די אינטערנעישאנאל האט ארויסגערופען די דרעסמאכער אין קאמף פאר די איינפיהרונג פון יוניאן קאנדישאנס אין די שעפער, און ווען נאך א לאנגען ביטערען קאמף האט די יוניאן זיך געמוזט צוריקציהען. די יוניאן האט געוואוסט, אז אין דעם משך פון די עטליכע יאהר האבען די מענשען וועלף אויף א האר זיך ניט געענדערט אין זייער כאראקטער; אבער אונזער יוניאן האט זיך קיינמאל פאר אזא זאך ניט אפגעשטעלט. ניט איינמאל האט זי שוין געפיהרט א קאמף געגען אזעלכע וועלף, און זיי געמאכט זיך צו פארוואנדלען אין געצעהמטע היימישע הינט... דערצו איז אונזער אינטערנעישאנאל זיך קיינמאל ניט מיאש, אזא טבע האט זי שוין. זי ווייס, אז איהר אויפגאבע איז צו קעמפען, און וואס שווערער דער קאמף, דאס גרעסער דער חשק איהם אנצופאנגען אימער פון דאס ניי.

❦

דערפאר איז שוין קיין קשיא ניט, ווארום די יוניאן, קענענדיג די דרעסמאנופעקטשורער אין שיקאגא האט ווידער אויפגענומען דעם קאמף, וואס זי האט ניט אויסגעפיהרט אין 1917. פארקערט, דאס אליין איז געווען פאר איהר די קראפט, וואס האט איהר באוואוינען און געטריבען ווידער אמאל אויפצונעמען דעם קאמף מיט די דרעס־מאנופעקטשורערס פון שיקאגא. אבער זי האט זיך פאר דעם קאמף גוט פארבארייטעט. מאנאטען לאנג האט די אינטערנעישאנאל אנגעפירט א שטארקען ארגאניזיישאן און אגיטאציאנס־קאמפיין. דער פועל יוצא פון דעם קאמפיין איז געווען, דאס דער קאמף פאר דעם יוניאן־שאפ איז געווארען די פאפולערסטע אישו אין שיקאגא. די ארבייטער וועלט, ווי די קאפיטאליסטישע וועלט האט געקאכט מיט דעם קומענדען קאמף.

❦

און אז די פארבארייטונגס־ארבייט פון דער יוניאן איז געווען א זעהר געראטענע, איז קלאר ערשטענס פון דעם, וואס די גאנצע עהרליכע עפענטליכע מיינונג איז געווען דורך און דורך אויף דער זייט פון דער יוניאן; און, צווייטענס, פון דעם מערקווירדיגען פאקט, וואס פאר א סארט סטרייקער דער דאזיגער קאמפיין האט אויסגעהאדעוועט. דאס זיינען געווען ניט קיין סטרייקער, נאר אמת'ע העלדען; קעמפער אין דעם בוכשטעבליכסטען זין פון ווארט, מענשען וואס זיינען געווען בארייט אריבערצוטראגען די שרעקליכסטע יסורים און פארפאלגונגען, יע, צו שטארבען אין קאמף, ווען נויטיג, כדי די יוניאן זאל זיגען. פיער מאנאטען האט דער קאמף אנגעהאלטען, און עס איז ניט געווען קיין צוואנציג מענשען, וואס זיינען אנטלאפען פון קאמף־פלאץ. אזא לאיאליטעט, אזא העלדישקייט האט די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא זעלטען ווען געזעהן.

❦

אט אזעלכע זיינען עס די דרעס־מאנופעקטשורער אין שיקאגא, מיט אלע זייערע געדונגענע מערדער און גענגסטער, אין יוניפארמס און אהן יוניפארמס, פון איין זייט, און די ארבייטער־קעמפער פון דער אנדערער זייט. און איצט, דענקען מיר, וועט פאר יעדען איינעם לייכט זיין צו פארשטעהן, ווארום דער קאמף האט ניט געקענט צוריקגערופען ווערען מיט אזא לייכט הארץ. ווער, ווער, אונזערע ארבייטער פארשטעהען עס געוויס, ווי שווער, זעהר שווער איז צוריקצורופען אירגענד וועלכען ארבייטער־קאמף, אפילו דאן, ווען די ארבייטער ווייזען זיך ניט אורים צו זיין גאנץ שטארקע קעמפער, אפילו דאן, ווען ס'איז צו מערקען א געוויסע שוואכמוטיגקייט אין די רייהען פון די קעמפער; אויך דאן איז עס שווער צו מאכען דעם נויטיגען ריקטריט, און ערקלערען אלע אנשטרענגונגען, אלע אפפער פאר פארלארען, כאטש נאר פאר דערווייל. ווי שווער אבער מוז עס זיין אויפצוגעבען א קאמף, אין וועלכען יעדער סטרייקער האט זיך ארויסגעוויזען אלס העלד, און ווען קיין סטרייקער האט גארניט אין זינען אויפצוגעבען דעם קאמף צוליב איינגעמאטערטקייט אדער ווייל דער גלויבען אין אן ענדליכען זיג האט זיך אויסגעוועפט... אונטער אזעלכע אומשטענדען אויפצוגעבען א קאמף איז דאס זעלבע ווי צו באגראבען איינעם לעבעדיגערהייט. טו ווער קאן פועל'ען ביי זיך אויסצופיהרען אזא גרויזאמע זאך?

❦

דערפאר טאקע האט אונזער גאנצע אינטערנעישאנאל געשטיצט דעם קאמף פון אנפאנג ביז צו ענד מיט אלע איהרע כוחות. דערפאר האט דער דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער אין שיקאגא ניט נאר געהאלפען אין דעם קאמף פון די דרעסמאכער, נאר זיך אריינגעווארפען אין דעם קאמף, פונקט ווי ער וואלט געווען זיין אייגענער; און דערפאר איז די גאנצע ארבייטער באוועגונג ניט געבליבען קיין גלייכגילטיגע צושויערין צו דעם קאמף, און געטאן אלעס, אום צו העלפען די העלדישע סטרייקער. און גרויזאם און מערדעריך ווי די באסעס האבען געהאנדעלט געגען די סטרייקער, סוף כל סוף אבער וואלטען זיי זיכער געמוזט נאכגעבען. אבער איין זאך האט געשפילט אין זייערע הענט, עטוואס, וואס קיינער האט ניט ערווארט און ניט געקענט ערווארטען. די גאנצע דרעס־ארבייט איז אזוי ווי אויסגעגאנגען פון שיקאגא. דער ערווארטעטער סעזאן, ווען די באסעס האבען געדארפט צוגעדריקט ווערען צו דער וואנט, איז ערגעץ־וואו נעלם געווארען, און צוליב דעם האט דער סטרייק געמוזט אויפגעגעבען ווערען.

❦

עס איז געווען א שווערע זאך אויסצופיהרען. עס איז געווען באמת הארצ־ברעכענד. דאס איז געווען דער פינסטערסטער טאג אין דעם לעבען פון דער יוניאן־פירערשאפט און פון די סטרייקער. יעדער איינער און יעדע איינע פון די סטרייקער זיינען געווען ביז דער לעצטער מינוט פארטיג צו קעמפען און צו קעמפען, מעהר נאך, ווי אין דעם ערשטען טאג, ווען זיי זיינען ארויס אין זייער גרויסען קאמף. אבער עס איז קלאר געווארען פאר אלע, אז אונטער די אומשטענדען האט עס אנדערש ניט געקענט זיין. ווייטער אנהאלטען דעם קאמף וואלט געמיינט צו שטעלען אין געפאהר ניט נאר אלעס, וואס איז געוואונען געווארען דורך דעם סטרייק, נאר דאס סאמע לעבען פון דער יוניאן. און דער סטרייק איז אפיציעל צוריקגערופען געווארען.

❦

אזוי האט זיך געענדיגט איינער פון די העלדישסטע קעמפע, וואס די אינטערנעישאנאל האט אין איהר גרויסער לעבענס־געשיכטע אנגעפיהרט. און, ווי שטארק עס טוט וועה דער באוואוסטזיין, דאס אזא העלדישער קאמף איז ניט געקרוינט געווארען מיט דעם שענסטען זיג, וואס ער האט אזוי כשר פארדינט. אבער, ווען מען פארשטעהט די אורזאכע, ווארום דאס האט פאסירט, און ווען מען נעמט אין אמבאטראכט דעם גרויסען קאמף, וואס אונזערע סטרייקענדע דרעסמאכער האבען אויסגעפאכטען אין דעם משך פון פיער מאנאטען, און ווען מען בארעכענט, דאס, נאך אלעמען, איז דער געווינס פון דער יוניאן א גאנץ באדייטענדער, פארט א גוטע העלפט פון די דרעסמאכער אין שיקאגא ארבייטען אין אמת'ע יוניאן שעפער, און האבען אלע רעכט און אלע יוניאן־קאנדישאנס, וואס זיי האבען ערווארבען דורך זייער שווערען קאמף; און ווען מען נעמט נאך אין אמבאטראכט, ווי שטארק די באסעס האבען געליטען אונטער די קלעפ פון דער יוניאן, אזוי, דאס פילע פון זיי זיינען שוין אינגאנצען ארויסגעשטויסען געווארען פון דער אינדוסטריע, און פילע אנדערע שטעהען אויפ'ן שוועל פון באנקראט, קאן מען זיכער ניט ריידען פון א דורכפאל פון דעם סטרייק, מיט וועלכען די יוניאן אדער די אינטערנעישאנאל זאל זיך דארפען שעמען. ניין, ניט נאר איז דאס ניט דער פאל, נאר מיר זיינען באמת שטאלץ מיט דעם גרויסען קאמף אין שיקאגא, וועלכער וועט זיכער אין דער באלדיגער צוקונפט ברענגען די שענסטע פרוכט. יע, די אינטערנעישאנאל איז פעסט אנטשלאסען, אזוי שנעל, ווי עס וועט קומען דער גינסטיגער מאמענט, ווידער אויפצונעמען דעם קאמף, און אזוי לאנג, און אזוי אפט ווידערהאלען דעם קאמף, ביז די גאנצע דרעס־אינדוסטריע אין שיקאגא וועט ווערען יוניאניזירט.

❦

און איצט, אז דער קאמף איז געענדיגט, שיקען מיר ווידער אמאל אונזער התראה צו די באסעס. די יוניאן לעבט, לעבט שטארקער, ווי ווען עס איז, און זי גרייט זיך שוין ווידער צו א נייעם קאמף. ווארום אויב עס איז אמת, אז דער זיג פון דער יוניאן איז ניט אזעלכער, ווי מיר האבען עס געוואונשען, איז אבער דער וואונש פון די באסעס צו צוברעכען די יוניאן, אזוי אז קיין סמן פון איהר זאל ניט בלייבען, בשום אופן ניט מקוים געווארען. די דרעסמאכער יוניאן איז איצט, נאך דעם קאמף, ניט דער ערך שטארקער, ווי זי איז געווען פאר דעם. די גאנצע מעמבערשיפ האט נאר איין געדאנק, איין וואונש ווידער אמאל אויסצוקעמפען דעם ניט־געענדיגטען קאמף. מיר ווייסען, ווי גרויזאם עס באהאנדלען די יוניאן־פרעסערישע באסעס זייערע ארבייטער. אבער דאס ערגער פאר זיי. זיי וועלען ניט לאנג בושעווען. אזעלכע העלדען, ווי דער סטרייק אין שיקאגא האט ארויסגערופען, קאנען אויך לאנג ניט געשלאגען ווערען. מיר גראטולירען די מחנה קעמפער מיט איהר העלדישקייט, מיט איהר אויסדויער־קראפט, מיט איהר געטריישאפט צו דער יוניאן, און אויך מיט דעם גרויסען זיג, וואס וועט זיין דער רעזולטאט פון זייער באנייטען קאמף, וועלכער וועט זיכער ניט לאנג לאזען ווארטען אויף זיך. מיר גראטולירען אונזערע קלאוקמאכער אין שיקאגא, וועלכע האבען אזוי איבערגעגעבען געקעמפט זייט ביי זייט מיט זייערע ברידער און שוועסטער פון דער דרעסמאכער יוניאן, אין מיט וואס זיי האבען ארויסגערופען די אלגעמיינע וואויל־פארדינטע באוואונדערונג. מיר גראטולירען די דרעסמאכער יוניאן אין ניו יארק, וועלכע האט אזוי גרויסמוטיג געהאלפען די בראווע קעמפער אין שיקאגא. מיר גראטולירען די ארבייטער באוועגונג אין שיקאגא אין אלגעמיין, און ספעציעל די „אמאלגאמייטעד", וואס איז געקומען מיט איהר הילף פון ראט און טאט. עס איז געווען א קאמף, אין וועלכען די סאלידאריטעט פון די ארבייטער איז דעמאנסטרירט געווארען אויף דעם גלענצענדסטען אופן. און דערפאר אליין וועט דער קאמף פון די דרעסמאכער אין שיקאגא פארנעמען איינעם פון די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעישאנאל.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר

דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר איז ניט ארויסגערופען געווארען, ווי מען זאגט עס געוויינליך, נאר ער איז ארויסגעשפרונגען פון זיך אליין. עס האט אנדערש ניט געקענט זיין. די באלטימארער קלאוקמאכער וואלטען ניט ווערט געווען צו טראגען אויף זיך דעם נאמען יוניאן־לייט, צו געהערען צו דער גרויסער משפחה פון דער אינטערנעישאנאל, ווען זיי וואלטען געקענט ווייטער בלייבען אין זייערע שעפער אונטער די קאנדישאנס, וואס האבען דארט געהערשט ביז איצט. דער סטרייק אין באלטימאר איז דארום געווען אוממעגליך. נאטירליך, ווען די באלטימארער מאנופעקטשורער וואלטען געקענט זעהן עטוואס ווייטער, ווי זייער נאז, וואלט דער סטרייק געקענט אויסגעמידען ווערען דורך א פרייוויליגען נאכגעבען פון זייער זייט. אבער, ווי עס זעהט אויס, זיינען די באלטימארער קלאוק־מאנופעקטשורער ניט אזוי געבוים. ביז דער לעצטער מינוט זיינען זיי געבליבען טויב צו די התראות פון דער יוניאן־פיהרערשאפט. אין זייער בלינדקייט האבען זיי זיך איינגערעדט, אז עס איז בלויז א במארע, וואס וועט באלד פארשווינדען, און אלעס וועט בלייבען, ווי געווען. זיי האבען שוין איצט אודאי זיך איבערצייגט, אז דאס איז ווירקליך א גרויסער שטורם, וועלכער וועט ארויסרייסען מיט'ן ווארצעל אלעס וואס איז פארפוילט אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין באלטימאר.

די יוניאן, און צוזאמען מיט איהר די גאנצע אינטערנעישאנאל, איז פעסט אנטשלאסען צו מאכען א סוף צו באלטימאר, אלס צענטער, וואו קלאוקס ווערען געמאכט אונטער דעם שענדליכען סוועטינג־סיסטעם. באלטימאר מוז מאכען איהרע קלאוקס אונטער אזעלכע יוניאן־צושטענדע, ווי זיי הערשען אין ניו יארק, אדער זי וועט מוזען אינגאנצען אויפגעבען די קלאוק־ביזנעס. די צייט, ווען באלטימאר האט געקענט פארזארגען געוויסע דזשאבערס און מאנופעקטשורער פון ניו יארק מיט איהרע בילינע סוועטינג־קלאוקס, איז פאראיבער. ניט די באלטימארער בעלי־מלאכות וועלען זיי מאכען, און ניט די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס וועלען קענען פון זיי קויפען אדער לאזען מאכען ביי זיי די דאזיגע קלאוקס. יעדער גארמענט, וואו ער זאל ניט געמאכט ווערען אין די יונייטעד סטייטס, באלטימאר איינגעשלאסען, וועט מוזען זיין אן אמת'ער י ו נ י א ן־גארמענט. ער וועט מוזען טראגען אויף זיך דעם יוניאן־לייבעל, דעם בעסטען עדות, אז ער איז געמאכט געווארען אין ריכטיגע יוניאן־שעפער פון ארבייטער, וואס האבען געקראגען פאר דאס אויפמאכען פון דעם גארמענט דעם ריכטיגען יוניאן פרייז און די הויכטיגע מענשליכע באהאנדלונג פון דער זייט פון מאנופעקטשורער.

❦

דאס איז איצט די לאגע. קעמפען גע־

דער אינטערנאציאנאלער געווערקשאפטס קאנגרעס

פון אונזער אייראפעאישען קארעספאנדענט
לעאן באזאנאוויטש.

וויען.

ביים דריטען ארדענטליכען קאנגרעס פון'ם אינטערנאציאנאלען געווערקשאפטס בונד, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין וויען, האט קיין פייערליכקייט ניט גע-פעלט. א באזונדערס טיפען איינדרוק האט איבערגעלאזט א מאניפעסטאציע פון דעם וויענער פראלעטאריאט אין די צענט-ראלע גאסען פון דער שטאדט, וועלכע איז געווען באמת גראנדיעז. א חוץ אט די פייערליכקייטען איז דער קאנגרעס פארלאפען רוהיג און שטיל, אהן גרויסע מיינונגס-קאנפליקטען, אהן שארפע ויכוחים. אין איין איינציגען פונקט האט עס לכתחילה אויסגעוויזען, אז עס קאן קומען צו א שווערען קאנפליקט, אבער אויך אין דעם פונקט זיינען די חלוקי דעות דאך ניט געווען שטארק טיפע.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער אזוי גערופענער „רוסישער פראגע". אדער וועגען דער פראגע: מאסקווע און אמסטערדאם.

די דאזיגע פראגע איז ביי פארשיידע-נע געלעגענהייטען ארויסגעשפרונגען.

צום ערשטען מאל איז די פראגע ארויפגעבראכט געווארען דורך דער ענגלי-שער דעלעגאציע. גלייך ווי מען האט גע-עפענט די דעבאטע איבער דעם טעטיג-קייטס-באריכט פון דער עקזעקוטיווע, האט בראמליי אין'ם נאמען פון די ענגלענדער, געשטעלט דעם אנטראג צו באנייען די פארהאנד-לונגען מיט די רוסישע געווערקשאפטס-פיהרער, ארגומענטירענדיג, אז אין א מאמענט, ווען די ענגלישע רעגירונג פארהאנדעלט מיט דער רוסישער רעגירונג, טאר ניט עקזיס-טירען דער צושטאנד פון איבערגעריסענע באציהונגען צווישען דער אינטערנאציא-נאלער געווערקשאפטס-באוועגונג און דער רוסישער געווערקשאפטס - באוועגונג. בראמליי'ס אנטראג האט זיך באצויגען אויף דער איבערגעהאקטער קארעספאנ-דענץ צווישען אמסטערדאם און מאסקווע. דער „רויטער" געווערקשאפטס-אינטערנא-ציאנאל, וועלכער האט דערקלערט דעם „געלען" אמסטערדאמער אינטערנאציא-נאל א קאמף אויף לעבען און טויט, וועל-כער רופט אן אין זיינע סטאטוטען (קאנ-סטיטוציען), שלוא, אין זיין אפיציעלסטען דאקומענט, דעם אמסטערדאמער אינטער-נאציאנאל א „שטיצפונקט פאר דער אינ-טערנאציאנאלער בורזשואזיע", א „אינ-טערנאציאנאל פון קראפטלאזיגקייט, פון כאאס און דינסטגרייטקייט פאר דער בור-זשואזיע", דער זעלבער „רויטער" געווערק-שאפטס-אינטערנאציאנאל האט זיך ניט איינמאל געווענדעט צום אמסטערדאמער וועגען פארמירען אן איינהייטליכען פראנט צום קאמף געגען דער וועלט-רעאקציע, און באזונדער געגען דעם איטאליענישען פא-שיזם. דערויף האט אמסטערדאם געענט-פערט, אז צו א שותפות-דיגען קאמף איז נויטיג „א געגענזייטיגער פארטרויען", און „אז דער דאזיגער געגענזייטיגער פאר-טרויען עקזיסטירט באמת'ן, וועט איר דאך קוים קאנען באהויפטען". צום סוף פון'ם ענטפער ווערט געזאגט בפרוש, אז די ווענדונג וועגען אן איינהייטליכען פראנט איז געמאכט געווארען צוליב „פראפאגאנ-דיסטישע טעמים", און איז „ניט געמיינט עהרליך און ערנסט".

אבער ניט אויף די דאזיגע קארעספאנ-דענץ האט זיך בראמליי באצויגען אין זיין אנטראג, דען די שטאלצע ענגלענדער ווע-לען דאך ניט ערווארטען, אז ארבייטער פיהרער, וועלכע ווערען באשימפט אלס „פאררעטער", אלס „דינער און אגענטען פון דער בורזשואזיע, אלס „געלע", זאלען, אזוי ווי ניט זיי מיינט מען דאס, זיך רוהיג זעצען צום פארהאנדלונגס-טיש מיט זייערע פארלוימדער. וועמען בראמליי האט געהאט אין זין, דאס איז געווען דער אלרוסישער געווערקשאפטס-ראט, וועל-כער געהערט צום „רויטען אינטערנאציא-נאל", אבער איז דאך ניט דאס זעלבע ווי „דער רויטער אינטערנאציאנאל". דער אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל האט שוין אויף זיינע פריהערדיגע קאנגרעסען אויסגעדריקט זיין וואונש, אז די רוסישע געווערקשאפטס-באוועגונג זאל זיך אן אים אנשליסען און „דורך זיין קאמף-קראפט פארשטארקען די קאמף-קראפט פון'ם אי-בעריגען פראלעטאריאט און אויף אזא שטייגער אנטקעגען שטעלען געגען דער סאציאלער רעאקציע א איינהייטליכען קאמף-פראנט". דאס איז אבער היינט-צו-טאג נאר א פרומער וואונש. דען אזוי לאנג ווי די פראפעסיאנעלע רוסישע בא-וועגונג ווערט באהערשט פון'ם באלשע-וויזם, איז דער גייסט פון דער רוסישער פראפעסיאנעלער באוועגונג ניט עפעס אנ-דערעס ווי דער גייסט פון'ם „רויטען אינ-טערנאציאנאל", און אויב א צוזאמענאר-בייטען מיט'ן „רויטען אינטערנאציאנאל" איז ניט מעגליך, טא איז דאס אויך ניט מעגליך מיט דער רוסישער פראפעסיאנע-לער באוועגונג. פונדעסטוועגען איז אנגע-גאנגען א קארעספאנדענץ צווישען ביידע קערפערשאפטען וועגען דעם ענין, ביז אמ-סטערדאם איז שולדיג געבליבען אן ענט-פער אויף א בריף פון'ם רוסישען געווערק-שאפטס-ראט, וועלכער האט אין זיין טאן געלאזט ווייניג האפנונג, אז מען וועט קא-נען קומען צו א הסכם. פארמעל זיינען די פארהאנדלונגען איבערגעהאקט געווארען פון אמסטערדאם, און דערפאר האט די ענגלישע דעלעגאציע געפאדערט צו בא-נייען די פארהאנדלונגען. די פארטרעטער פון די אנדערע לענדער, באזונדערס פון דייטשלאנד, האבען אבער אנגעוויזען וואס פאר א צרות זיי מוזען אויסשטעהן אין זייערע ארגאניזאציעס פון די אנהענגער פון - „רויטען אינטערנאציאנאל", און האבען ערקלערט די שלום-שטעלונג פון די ענגלישע דעלעגאטען דערמיט, וואס די קליינע קאמוניסטישע מינאריטעט אין ענגלאנד האלט זיך „פארהעלטניסמעסיג אנשטענדיג".

נעענדיגט האט זיך די דעבאטע מיט'ן אננעמען פאלגענדע רעזאלוציע:

„דער קאנגרעס רעקאמענדירט דעם ביורא, אויף אזוי ווייט ווי דאס איז מעגליך, ניט פארבוי-גענדיג דעם כבוד פון'ם אינטערנאציאנאלען גע-ווערקשאפטס-בונד, פארטצוזעצען זיינע באמיהונגען כדי צו אינקארפארירען די רוסישע געווערקשאפטען אין דער אינטערנאציא-נאלער געווערקשאפטס-באוועגונג אויפ'ן סמך פון דער קאנסטיטוציע און די תקנות פון'ם אינ-טערנאציאנאלען געווערק-שאפטס-בונד".

כדי צו פארהיטען, אז אין דער אינ-טערנאציאנאלער געווערקשאפטס-באווע-גונג זאל ניט אריינגעטראגען ווערען א שפאלטונג דורך דעם, וואס געווערקשאפ-טען, וועלכע געהען צום „רויטען אינטער-נאציאנאל", שליסען זיך אן אן אינטער-נאציאנאלען פון איינצעלנע טריידס (אזעלכע עקזיסטירען אין דער צאהל פון 28), איז אויך א קאנפערענץ פון'ם אמ-סטערדאמער אינטערנאציאנאל מיט די פארטרעטער פון די אינטערנאציאנאלען פון איינצעלנע טריידס, באשלאסען געווא-רען צו געבען די לעצטע דריי פארטרעטער אין דער עקזעקוטיווע. דער קאנגרעס האט דעם אפמאך סאנקציאנירט געגען די שטימען פון א מינאריטעט.

סאציאליסטישער, קאמוניסטישער און געווערקשאפטס-אינטערנאציאנאל.

די רוסישע פראגע האט זיך נאך אמאל אריינגעריסען אין די פארהאנדלונגען ביי דער באטראכטונג פון'ם פונקט אויף דער טאג-ארדנונג: „די שטעלונג פון'ם אינ-טערנאציאנאלען געווערקשאפטס-בונד אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער בא-וועגונג". מיר האבען אין'ם פאריגען אר-טיקעל געזעהן ווי דער אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל האט זיך ניט בא-שרענקט אויף זיינע געווערקשאפטליכע אויפגאבען און איז געווען אויך פאליטיש שטארק אקטיוו. אבער אזוי ווי דער סא-ציאליסטישער אינטערנאציאנאל איז ווי-דער פאראייניגט געווארען — כאטש פון א שטארקער אקטיוויטעט מערקט מען ביי איהם נאך נישט — איז אנטשטאנען דאס באדערפניס צו רעגולירען די געגענזייטי-גע באציהונגען און אפצוגרענעצען די אר-בייטס-פעלדער. די רעזאלוציע, וואס איז איינשטימיג אנגענומען געווארען וועגען דעם פונקט, זאגט, אז „די פיהרונג פון'ם פאליטישען קאמף איז די אויפגאבע פון די ארבייטער פארטייען", אבער אז „אויף אזוי ווייט ווי דאס פאדערט די ערפילונג פון די אויפגאבען אויף זייער טעטיגקייטס געביט, מוזען די געווערקשאפטען אויך ווירקען אויף דער מלוכה". „די געווערק-שאפטען שטעלען זיך ניט אין דעם דינסט פון קיין פארטיי". זיי „מוזען בלייבען אומאפהענגיג". דערביי ווערט אבער אנערקענט, אז „נאר די זעלבסטשטענדיגע ארבייטער פארטייען, וועלכע שטעהען אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער פאליטישער דעמאקראטיע און פון'ם סאציאליזם, פאר-טרעטען אין די פארלאמענטען מיט ענער-גיע די פאדערונגען פון די געווערקשאפ-טען. דערפאר שטעהען די סאציאל-דעמא-קראטישע פארטייען אמנעהנסטען צו די געווערקשאפטען".

ווייטער ווערט געזאגט:

„די קאמוניסטישע פארטייען שטרעבען נאך דער הערשאפט איבער די געווערקשאפטען. לויט דעם דיקטאט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנא-ציאנאל, ווילען זיי פארכאפען די פיהרונג פון די געווערקשאפטען, כדי צו מיסברויכען די אר-גאניזירטע ארבייטער מאסען פאר זייערע פאר-טיי-צילען. דעם געווערקשאפטליכען קאמף פון ארבייטער קלאס ווארפען זיי אפ; זיי באשמו-צען די געווערקשאפטס-באוועגונג, און אין זייער קאמף געגען די געווערקשאפטען שרעקען זיי זיך ניט אפ פאר קיין מיטעל".

די רעזאלוציע באשולדיגט צום סוף די קאמוניסטען אין דער שפאלטונג פון דער געווערקשאפטס-באוועגונג אין פארשיידע-נע לענדער, און פאדערט אויף צו א פאר-טיידיגונגס-קאמף.

די רעזאלוציע צום פונקט „קאמף געגען קריג און מיליטאריזם" פאדערט אויף זיך ענערגיש אנטקעגען צו שטעלען געגען דעם קריג דורך אפ-שטעלען די וואפען- און מוניציע-אינדוסטריע און דעם טראנספארט פון קריגס-מאטעריאל, דורך דעם עקאנאמישען באי-קאט און דעם גענעראל-סטרייק — קאמף-מיטלען, פון וועל-כע די פאליטישע פארטייען האבען אמאל גארניט געוואלט הערען און וועלכע זיינען היינט געווארען גאנץ זעלבסטפארשטענד-ליך אין אייראפא. אזוי האט די מלחמה רעוואלוציאניזירט די מחות!

פאר דעם 8 שעה'דיגען ארבייטס-טאג האט דער קאנגרעס באשלאסען אונטערצו-נעמען צוצוגרייטען אן אלגעמיי-נעם אינטערנאציאנאלען קאמפיין מיט'ן פראגראם:

1) אפהיטען דעם 8-שעה'דיגען אר-בייטס-טאג;

2) איהם ווידער אויסקעמפען דארט, וואו ער איז פארלארען געגאנגען;

3) אויסקעמפען דעם 8-שעה'דיגען ארבייטס-טאג אין יענע לענדער, וואו ער איז נאך ניט איינגעפיהרט;

4) ראטיפיצירונג פון דער וואשינגטא-נער קאנווענציע;

5) ענדגילטיגע רעגולירונג פון דער רעפעראציע-פראגע.

דער 21טער סעפטעמבער איז פרא-קלאמירט געווארען אלס אינטערנאציאנא-לער אנטי-קריגס-טאג.

דער קומענדיגער קאנגרעס וועט אפ-געהאלטען ווערען אין פאריז.

לאנד. די ערשטע נייעס איז, אז די סאוויעט-רעגירונג האט ארעסטירט 350 אידען פאר דעם חטא, וואס זיי זיינען ציוניסטען. אויב דאס איז אמת, איז עס א סימן, אז אלע אנדערע קאנטר-רעוואלוציאנערען, ווי סאציאל-דעמאקרא-טען, סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען און אנאר-כיסטען, האט מען שוין אויסגעראטעט, און איצט איז געקומען די רייהע פון די ציוניסטען. די צווייטע נייעס איז, אז די סאוויעט-רעגירונג האט באשלאסען צו מאכען ספעציעלע אגריקולטור-קא-לאניעס פאר אידען. גאנצע 300 טויזענד אקער לאנד זיינען באשטימט פאר דעם צוועק. און אויב דאס איז אמת, איז עס ווידער א באווייז, אז פאר דער סאוויעט-רעגירונג זיינען די אידען, ווי א דארן אין די אויגען, און מען קומט צוריק צום אלטען פלאן צו באשאפען א אידישע נהעטע.

פארוויקעלטע סיטואציעס

(פעליעטאן)

פון ז. וועהילער.

מיר קריגען די לעצטע צייט א סך בריעף פון לעזער, וואס פרעגען אן צי זיינען מיר דער „וועהילער", וואס לויפט פאר וויים-פרעזידענט אויף לאפאלעט'ס טיקעט. אזוי ווי, שרייבען זיי, מיר זיי-נען געווען דער איינציגער וועמען זיי הא-בען געקענט ביי דעם נאמען, און פון קיין אנדערען האט מען ביז איצט קיינמאל ניט געהערט, זיינען מאנכע חושד אז דאס זיי-נען מיר דער וועהילער וואס „לויפט".

און די דאזיגע אנפראגעס זיינען ניט נאר לשם קוריאזיטעט. עס האנדעלט זיך דא וועגען געוויסע סאציאלע פונקציעס און מאדעס, וואס וועלען דארפען איינ-געפיהרט ווערען אין דער נאהענטער צו-קונפט.

ווארום ביי די היינטיגע וואהלען ווע-לען די קאנדידאטען פאר וויים-פרעזידענט שפילען די ערשטע פידעל. ערשטענס, דערפאר, וואס זיי, די קאנדידאטען פאר וויים-פרעזידענט, האבען מעהר כאראק-טעריסטישע אייגענשאפטען ווי די קאנדי-דאטען פאר פרעזידענט; און צווייטענס, לויט די בעלי חשבונות האבען אויסגערע-כענט, וועט, מעגליך, היינטיגס יאהר נאר געוויילט ווערען א וויים-פרעזידענט פאר פרעזידענט. ווי נעשיקט זיך עס? עס קאן זיך טרעפען! לויט געוויסע פאליטי-שע מאכענאציעס און קאמבינאציעס.... ווען, למשל, לאפאלעט זאל „לויפען שטארק", און אוועקנעמען א גרויסע צאהל שטימען סאי ביי די רעפובליקאנער און סאי ביי די דעמאקראטען, אזוי אז קיין איינער פון די קאנדידאטען וועט ניט הא-בען קיין גענינענדע צאהל עלעקטארס אויסגעוויילט צו ווערען, וועט די גאנצע פארפלאנטערטע פראגע דאן מוזען אריבער-געהן צום קאנגרעס, און דער קאנגרעס וועט דארפען אויסקלייבען א פרעזידענט פון די קאנדידאטען פאר וויים-פרעזידענט. אגב אורחא, אויב עס וועלען זיין נענוג פראגרעסיווע קאנגרעסלייט, קאן נאך גע-מאלט זיין אז „אונזער" וועהילער זאל נאך ווערען פרעזידענט אויך!

אט אזעלכע פארוויקעלטע סיטואציעס געפינען זיך אין דער פאליטיק...

איז, ווי געזאגט, דעריבער דער אינ-טערעס צו די קאנדידאטען פאר וויים-פרעזידענט איצט אזוי גרויס, און דער עולם וויל זיין גרייט איבערצונעמען די מנהגים און מאדעס פון דעם קאנדידאט, וואס וועט אויסגעוויילט ווערען.

למשל: דער קאנדידאט פאר וויים-פרעזידענט אויף דעם רעפובליקאנעם טי-קעט, גענעראל דאוס, איז באוואוסט גע-ווארען דורך דעם „דאוס פלאן". ער האט דאס אויסגעארבייט דעם פלאן, ווי אזוי דייטשלאנד זאל צאהלען שאדענערזאץ און ווי אזוי עס זאל זיין שלום אויף דער וועלט.

איצט, אז עס זאל פאסירען און גענע-ראל דאוס זאל ערוויילט ווערען, וועלען אלע בירגער פון אונזער גרויסער רעפוב-ליק אנהויבען מאכען פלענער — אלע בחורים און אלע מיידלאך וועלען אויס-ארבייטען פלענער ווי צו צאהלען שאדענ-ערזאץ, איינס דאס אנדערע, אדער ווי צו לעבען בשלום....

דער קאנדידאט פאר וויים-פרעזידענט אויף דעם דעמאקראטישען טיקעט, „ברור-דער" טשארלס וו. ברייען, איז באריהמט דערמיט וואס ער טראגט א — יארמולקע. ווען איהר זעהט איהם בעת ער טוט אן די יארמולקע, דאכט זיך אייך אויס, אז ער וועט באלד נעמען א טייטעל מיט א קאנטשיק און זיך זעצען לערנען מיט קינ-דער קמץ אלף...

איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, אז ווי נאר ער וועט אויסגעוויילט ווערען, וועט גאנץ אמעריקא אנהויבען טראגען יארמולקעס. עס איז א סברא, אז איי-ניגע ווייטזיכטיגע אידישע ביזנעסלייט האבען שוין געעפענט ספעציעלע פאברי-קען צו מאכען יארמולקעס, און אויף מאר-גען נאך די וואהלען וועט דאס לאנד ווע-רען פארפלייצט מיט זיי. געוויינליך, ווע-לען זיין יארמולקעס פון פארשיידענע קא-לירען, כדי די פרויען און מיידלאך זאלען קאנען צופאסען דעם קאליר פון די קליי-דער צו דעם קאליר פון דער יארמולקע. דער עולם וועט דערווייל פארגעסען אן די שטעקלאך, וואס די פרויען טראגען איצט, און אן די ארבעללאזע ארעמס, און אן די זיידענע זאקען מיט די טום-אנכ-אמען שיך — און מען וועט אנהויבען קוקען אויף די קעפ, דאס הייסט, אויף די יאר-מולקעס....

היינט ווי באלד אז עס קאן פאסירען, אז וועהילער, דער קאנדידאט פון די פראגרעסיווע, זאל נאר ערוויילט ווע-רען — וויל דער עולם וויסען צי וועט ניט אריין אין דער מאדע פעליעטאנען-שריי-בען — דעריבער זיינען זיי עס אזוי נייי-געריג צו וויסען וואס איז דאס פאר א וועהילער וואס לויפט?

א געוויסער פראפעסאר, א ליטעראטור פארשער, האט אנומעלט געמאכט די אנטדעקונג, אז עס איז טאקע אמת אז שעקספיר האט ניט געשריבען זיינע דראמען; עס האט זיי נאר געשריבען אן אנדער שרייבער, וואס האט זיך גערו-פען שעקספיר... מען קאן אבער דאס זעלבע ניט זאגען וועגען די וועהילערס. צוויי-שען אונז איז שוין דוקא יע דא א נפקא מינה: ערשטענס, איז זיינער, דעם קאנ-דידאט'ס טאטע, געווען א שוסטער, און מיינער, להבדיל, איז געווען א גמרא מלמד. והשנית, איז ער אנטלאפען פון מאסאטשוזעטס און איך בין אנגעקומען אין מאסאטשוזעטס. און דריטענס, איך קאן יע ריידען און שרייבען אידיש און ער קאן ניט. א ווארט ניט!.... היינט אז מען זאל נאך צורעכענען, אז איך בין א איד און ער איז ניט, אז ער איז א באווייבטער און איך בין ניט — וועט מען שוין, דאכט זיך, קאנען לייכט איינזעהען אז מיר זיינען צוויי באזונדערע מענשען.

און עס קאן טאקע זיין, אז עס איז געווען א גרויסע עולה פון איהם וואס ער האט זיך אנגעהויבען רופען מיט'ן נאמען „וועהילער", וויסענדיג אז עס איז שוין דא איינער מיט אזא נאמען....

אויפ'ן שוועל פון א גרויסען קלאוקמאכער קאמף אין באסטאן

פון סאל. זיידמאן.

די לאגע אין באסטאן איז, אין א קלענערען מאסשטאב, די זעלבע ווי אין ניו יארק.

אויך דא זיינען פאראן דזשאבערס, קאנטראקטארס און קארפארייישאן שאפּסעס און מאנופעקטשורערס. די אגרימענטס, וואס דער דזשאינט באארד האט געהאט מיט די עלעמענטען אין טרייד, זיינען געווען ענליך צו די אגרימענטס אין ניו יארק.

דעם ערשטען דזשולי האבען זיך די אגרימענטס געענדיגט. און בעת די ניו יארקער לאגע איז ניט געווען קיין געסעטעלטע, האבען אלע צדדים געווארט. באלד אבער נאך דעם ערפאלגרייכען סעטעלמענט פון ניו יארק האט דער באסטאנער דזשאינט באארד באשלאסען ארויסצושיקען בריף צו די דזשאבערס און סאב־מאנופעקטשורערס צו קאנפערירען פאר א נייעם אגרימענט. די מאנופעקטשורערס האבען ניט קיין אסאסיאיישאן.

לעצטען מאנטאג, דעם 21טען דזשולי, האבען מיר געהאט דעם ערשטען קאנפערענץ מיט די דזשאבערס. מיר האבען פארגעלייגט אונזערע פאדערונגען, וואס ענטהאלטען אין זיך די פאדערונגען פון שיקען ארביים בלויז אין שעפער, וואס האבען ניט ווייניגער ווי 8 מאשינען, סאניטארי יוניאן לייבעל, ארבייטסלאזע אינשורענס, אונטערזוכונג פון ביכער, גלייכע צוטיילונג פון ארביים, דער דזשאבער זאל זיין פאראנטווארטליך פאר די וויידזשעס פון די ארבייטער אין פאל דער קאנטראקטאר וועט ניט באצאהלען, געלד־שטראפען פאר ניט אפּהיטען דעם אגרימענט, און א מאשינערי איבערצוזיכען קאמפליינטס.

מיטוואך, דעם 23טען, האבען מיר געהאט א קאנפערענץ מיט די סאב־מאנופעקטשורערס, און ביי דיזער קאנפערענץ האט די יוניאן פארגעלעגט די הויפּט־פאדערונגען. נאכדעם ווי איך האב קלאר ערקלעהרט די פונקטען, וואס דארפען אריינגעהן אין די נייע אגרימענטס, האבען די פארטרעטער פון ביידע אסאסיאיישאנס גענומען, אז זיי וועלען האבען מיטינגען מיט זייער גאנצער מעמבערשיפּ און אונז לאזען וויסען וואס זיי רעכענען צו טאן.

מיר ערווארטען אן ענטפער דינסטאג אדער מיטוואך, דעם 29טען אדער 30טען דזשולי.

וואס דער אויסגאנג פון די קאנפערענצען וועט זיין קען מען נאך יעצט באשטימט ניט זאגען. די יוניאן דא אין באסטאן איז אבער בארייט צו טאן אלעס אום דורכצופיהרען דיזע פאדערונגען. דער דזשאינט באארד פארשטעהט, אז עס איז א לעבענס-נויטווענדיגקייט אויפצוהאלטען די קאנדישאנס פון די ארבייטער אין די שעפער. דער דזשאינט באארד איז געווען פארטראטען ביי ביידע קאנפערענצען דורך דעם באארד אוו דירעקטארס, וואס באשטעהט פון איין מעמבער פון יעדען לאקאל, דורך די לאקאלע אפיסערס, דורך וויים־פרעזידענט מאנסאן און דורך מיר, אלס דעם ספּאקסמען פון דער קאמיטע.

די פאלגענדע פערזאנען פון דער יוניאן'ס צד האבען זיך באטייליגט אין די קאנפערענצען: בען קורלאנד טשערמאן באארד אוו דירעקטארס לאקאל 73; אייב רויטער, לאקאל 12, טשערמאן דזשאינט באארד; אייב ברעונער, לאקאל 39; ס. ספינגל, לאקאל 73; בעקי שווארץ, לאקאל 49; וועבער, לאקאל 24; נייטהען גינזבורג, לאקאל 56; צאריקער, מענעדזשער דזשאינט באארד; מייער פריינק, ביזנעס איידזשענט, מאגיע מיטעלבוים, ביזנעס איידזשענט.

די יוניאן דא אין באסטאן גרייט זיך צו די גאנצע מאשינעריע פאר א קאמף מיט די דזשאבערס, קאנטראקטארס און מאנופעקטשורערס, אויב זיי וועלען זיך ענטזאגען אנצונעמען די פאדערונגען פון דער יוניאן.

ווי ניו יארק, איז אויך באסטאן געבענטשט מיט ניט־יוניאן שאפּעס. דאס זעלבע איז אויך דער פאל מיט די קליינע שטעדטלאך ארום באסטאן. און, זעלבסט פארשטענדליך, ווען אפילו עס זאל צו קיין סטרייק נישט קומען, מוז די יוניאן וועלען פארטרייבען פון טרייד אלע די שאפּעס, וואס וועלען נישט קענען נאכקומען דעם יוניאן־אגרימענט. פאר דעם צוועק איז א גרינדליכע אונטערזוכונג געמאכט געווארען און פלענער ווערען אויסגעארבייט אנצופיהרען א שטארקען קאמף.

פאר דעם צוועק האט דער דזשאינט באארד ביי זיין לעצטען מיטינג באשלאסען ארייגצושיקען א פארלאנג צו אלע לאקאלען, אז ביי זייערע נעקסטע מיטינגען זאל יעדער לאקאל ארויסשיקען נישט ווייניגער ווי צעהן מענשען אום צו האבען א טעטיגע ארגאניזיישאן־קאמיטע, וואס זאל טאן די נויטיגע ארביים ארום די ניט־יוניאן און קארפארייישאן־שעפער.

די אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען פון וויים־פרעזידענט מאנסאן, צאריקער, דער מענעדזשער; מייער פריינק, ביזנעס איידזשענט, און פון מיר.

פאר היינטיגע וואך רופען מיר די שאפּ־טשערליים און אקטיווע מעמבערס צו א מיטינג. עס וועט אויך גערופען ווערען א מיטינג פון אלע עקזעקוטיוועס, דזשאינט באארד מעמבערס, און אזוי גיך ווי מיר וועלען הערען אן ענטפער פון די אסאסיאיישאנס, וועלען מיר אויך רופען א מאס־מיטינג.

אין דרעס־טרייד איז נאך דערווייל קיין ארביים ניטא, און דער דזשאינט באארד ווארט מיט אונגעדולד צו זעהן וואס פאר א סיזאן עס וועט זיין.

עס איז די מיינונג פון א סך אקטיווע טוער אין דער יוניאן, אז ווען עס זאל זיך צייגען א גוטער סיזאן וואלט מען געדארפט אנפאנגען א קאמפיין צו ארגאניזירען אלע שעפער, וואס האבען זיך ארויסגעגליטשט פון דער יוניאן נאך דעם לעצטען סטרייק.

עס וועט זיך אויך פאדערען צו רעארגאניזירען די יוניאן־שעפער, וואס זיינען פארשטעלעסינט געווארען צוליב פארשיידענע אורזאכען. עס ווענדט זיך נאר אן א גוטען סיזאן. דאן וועט מען קענען איינברעכען די ניט־יוניאן שעפער און אויך איינשטעלען יוניאן־קאנדישאנס אין פילע יוניאן־שעפער.

אויך אין דרעס־טרייד וועלען מיר דארפען האבען קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס אויפצונעהמען פילע פראגען, וואס דארפען געלייזט ווערען, פאר דעם נוצען פון די ארבייטער.

לאקאל 7 פאנגט אן קאנפערענצען מיט די בעלי בתים צו באנייען די אגרימענטס.

שלוס, עס געהט יעצט אן א פיבערהאפטע טעטיגקייט אין אלע לאקאלען פון אונזער אינטערנעשאנאל אין באסטאן, און מיר אלע זיינען איבערצייגט אז מיר וועלען האבען ערפאלג.

אויך אין וואוסטער דארף מען יעצט באנייען די אגרימענטס מיט די קלאוק־און דרעס בעלי בתים. וויים־פרעזידענט מאנסאן האט אויפגעלייגט איבער וואוסטער, און מיר רעכענען אין קורצען צו באנייען די אגרימענטס אהן אירגענד וועלכען טראבעל.

סאל. זיידמאן,
וויים־פרעזידענט און
דזשענ. ארגאנייזער.

דאס ליד פון גאלדענעם סוף זומער

פון נפתלי גראס.

גאלדענע סוף-זומער טעג,
זאגט וואוהין געהט איהר אזעק?

אין די פעלדער ווי פאלאצען
סטויגען תבואות ניט צו שאצען.

פיהרען פיהרען זעק און סנאפּעס —
און צעפיהרען ס'געזאנג פון כלאפּעס.

בונטער ווייגערב — די פארקאנגען,
און פון וואלד דער דופט פון מאגען.

הערטען הייערן אין די טאלען,
און די הייכע מילען מאלען.

גענז און הינער פולע הויפען —
סוחרים קויפען און פארקויפען.

פריי פון זארגען און פון טרויער —
ס'ארע שפע איצט ביים פויער!

גאלדענע סוף-זומער טעג,
קוים געהט איהר אין וועג אוועק —

גראז און בלעטער — גאלד און געל —
וועלקען אפּ־אויף גאט'ס באפעהל.

ביימער — רימלאך און ניט מעהר —
שטארען שטום אהין, אהער.

און דער ווינטער — קעלט און פראסט —
אט א ברענט עס, אט א לאזט.

שארפע ווינטען — בלוי און גרין —
ווייען שנייען שטעכיק דין.

און אין וועלדער — האק און זעג,
האקען, הילכען גאנצע טעג.

אך, איהר גאלדענע סוף־זומער טעג,
זאגט, וואוהין געהט איהר אזעק?

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

אהן די מינדעסטע מורא, אז אימיצער זאל קענען אנזועגדען דעם מינדעסטען ארגומענט געגען מיר, מאך איך בפרהסיא די באהויפטונג, אז דער טיקעט, מיט וועלכען אונזער סאציאליסטישע פארטיי געהט ארוים אין קעמפיין, איז דער בעסטער, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען: טהאמאס נארמאן, טשארלי סאלאמאן, וואלדמאן — אלע גוטע, עהרליכע, קלוגע, געלערענטע מענשען. טהאמאס נארמאן וואלט זיכער געווען דער בעסטער גאווערנאר, וואס ניו יארק האט ווען געהאט (זאל אונזער גאווערנאר סמיטה עס ניט נעהמען פאר אומגוט). ער איז מאקע אליין, אבער צו גוטס איז קיין שיעור ניטא. טשארליס סאלאמאן וואלט געמאכט א אויסגעצייכענטען לייטענאנט-גאווערנאר, און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. איין צרה איז, דאס זיי וועלען, דאכט זיך, ניט ערוועהלט ווערען. דאס פאלק האט שוין אזא טבע אויסצוקלייבען פאר די פאליטישע שטעלען דווקא די ערגסטע, און אפשר איז דאס פאלק ניט איינגאנצען אומגערעכט. גוטע מענשען, עהרליכע מענשען איז א עבירה קאליע צו מאכען.

עס האט געהאלטען דערביי, אז גאווערנאר סמיטה זאל מעהר ניט זיין קיין גאווערנאר־קאנדידאט. די שטעלע באצאהלט זיך ניט גוט גענוג. און דער גוטער גאווערנאר האט א פאמיליע צו באזארגען. האט ער גערעכענט איבערצולאזען דעם גאווערנאר-דזשאב צו אן אנדערען, וואס איז „דזשאסט אז גוד". דארף זיך אריינמישען דער שטן אין דער געשטאלט פון הוירסט און הילאן. קען איצט געמאלט זיין, אז גאווערנער סמיטה זאל באשליסען זיך צו שפּעטען פאר נאך עווי יאהר פשוט אויף צו להכעיס הוירסטען. א סימן, אז צו להכעיס־פאליטיק שפּילט נאך אלץ א גרויסע ראליע אין אונזער וועלט.

אין דעם קומענדען קעמפיין וועט דער ראדיא שפּילען א גרויסע ראליע. אנשטאט צו ריידען צו הונדערטער און טויזענדער מענשען, וועלען אונזערע פארשיידענע קאנדידאטען ריידען צו צעהנדליגע טויזענדער און מיליאנען. לאמיר עס באטראכטען דעם ראדיא פאר א גליק. די צייטונגען, מיינט ער, וועלען מעהר ניט קענען פאלשירען דעם עולם, פארדרעהענדיג און פעלשענדיג די ווערטער פון די קאנדידאטען. דאכט זיך, אז אזא ערפאהרענער קעמפער, אבער ווי ווייניג ער קען דעם עולם, וואס הערט א רעדנער און ווי ווייניג ער קען אונזערע צייטונגען. דער פאקט איז, אז דער עולם הערט נאר דאס, וואס ער וויל הערען. יעדער רעדנער וועט אייך זאגען, אז איך בין גערעכט. און די צייטונגען זיינען אזעלכע פלינקע ליגנער, דאס קיין ראדיא קען זיי ניט שטערען אין דעם.

די „טיימז", די טייערע, ליבע „טיימז", וואס איז אזא גוטער פריינד די ארבייטער, ווארענט די שטעדטישען פעדעריישאן אוו לייבאר געגען דעם נסיון זיך אנצושליסען אן דער לאפאלעט־באוועגונג. די „טיימז" איז זיכער, אז די אלטע פאליסי פון דער א. פ. ל. איז די בעסטע, וואס קען געבען. וועל, פאר ארבייטער אנצושליסען אן עצה טובה פון דער „טיימז" איז ניט אלע מאל ראטזאם. איך וויל האפען, אז דער עקזעקוטיוו קאונסיל אויף זיין מיטינג אין אטלאנטיק סיטי וועט עס נעהמען גוט אין אכט.

די באנקירען האבען פיל צו זאגען אין דער לאנדאנער קאנפערענץ; מעהר, ווי שפּילען די הויפּט־ראליע. און עס וועט זיך פיל ווענדען אן זיי, אז זייער באשלוס, דער ערפאלג אדער מיס־ערפאלג פון דער קאנפערענץ, אדער ריכטיגער, די ראטיגע אדער די אויפריכטונג פון אייראפּא. דאס איז קיין נייעס ניט, אז דער באנקיר זאל האבען אין פאליטיק די גרויסע דעה. נאך פאר דער מלחמה האט דער באנקיר געהאלטען פאר נויטיג זיך צו פארבאהאלטען. איצט אבער האט דער באנקיר ארויסגעפונען, אז ער קען ארויסקומען גאנץ אפען, אלס דער, אין וועמעס הענד עס ליגט דער שיקזאל פון דער וועלט. דאס האט די מלחמה אויפגעטאן. דער, וואס האט בלויז איצט געצויגען די שטריקלאך, און די פּופּען, די פאליטיקער, האבען געטאנצט, דער איז איצט ארויסגעקומען אפען אויף דער סצענע, אלס דער סטאר פון דער „שאו".

קולידזש ריכט זיך נאך אלץ אויף מלחמה, און דערפאר האט ער באשטימט דעם צוועלפטען סעפּטעמבער, אלס דעפענס־טאג. געגען וועמען אמעריקא דארף זיך עס פארטיידיגען, ווייס איך ניט. אבער קולידזש ווייס, און ער איז זעהר אויפגעבראכט געגען אלע די, וועלכע פארדאמען זיין האנדלונג, אלס א שרים, וואס פיהרט צו מיליטאריזם. אין פארבינדונג מיט דעם האט גאווערנאר בריין, דער דעמאקראטישער וויים־פרעזידענט קאנדידאט, געזאגט אן אמת ווארט: עס קען זיין, אז עס איז אמת, דאס צוליב דעם, וואס אמעריקא איז ניט געווען פארבארייטעט, זיינען פילע מענשען אין דער מלחמה אומגעקומען; אבער, פרעגט ער, ווער קען זאגען, פון וויפיל מלחמות איז אמעריקא פטור געווארען נאך דערפאר, ווייל זי איז ניט געווען פארבארייטעט?

אין דעם דיפלאמאטישען וואשינגטאן איז מען שטארק אויפגערעגט איבער דער ערמארדונג פון דעם אמעריקאנעם וויצע־קאנסול, מיידזשאר אימברי, אין טעהעראן, פערסיען. עס האלט שוין ניט ווייט דערפון, אז די דיפּלאמאטישע באציהונגען צווישען אמעריקא און פערסיען זאלען אפגעבראכען ווערען, און דאס מיינט, אויב די פערסישע רעגירונג זאל זיך חלילה אנזאגען פון צו ערפילען אלע פאדערונגען פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וועלכע זיינען ניט פיל מילדער, ווי די פאדערונגען, וואס עסטרייך האט געשטעלט צו סערביען אין 1914, קען נאך זיין, אז עס זאל קומען צו א מלחמה. נו, פרעג איך אייך, איז אונזער פרעזידענט קולידזש ניט גערעכט, אז ער האלט פון זיין „פריפעדר"?

די וואך איז געווען דער יאהרצייט פון דער וועלט־מלחמה. צעהן יאהר זיינען שוין אוועק זייט די מלחמה האט אויסגעבראכען. יעדער, דאכט זיך, זעהט, וואס פאר א חורבן די דאזיגע מענשען־אויסשלאכטונג האט געבראכט אויף דער גאנצער וועלט. און דאך זיינען עס ווידער נאר איינצעלנע מענשען, וואס באקעמפען די מלחמה. די מעהרסטע זיינען נאך אלץ באהערשט פון דער מלחמה־פסיכאלאגיע, און אפשר נאך שטארקער, ווי פאר דער מלחמה. קען עס זיין, אז דער מענש איז פון דער נאטור אזא בלוטדורשטיגע חיה? אויב דאס זאל זיין אמת, איז דאך די גאנצע פראפאגאנדע געגען מלחמה ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א ביטערער שפּאס.

יע, לעצטע וואך איז פארגעקומען א פייט מיט קוראקעס צווישען צוויי העלדען, טוני און קארפענטיער, האט מיט דעם געמאכט גאנץ ניו יארק, די גאנצע פרעסע. צעהנדליגע טויזענדער זיינען געפאהרען זעהן, ווער וועט ווען כשער צוזאממישען די מוררע. א קאמענטאר אויף דעם איז, דאכט זיך, איבעריג.

צוויי וויכטיגע נייעס קומען פון סאוויעט רוס־

קינדער, און „פלוצים” איז איהר געווארען ניט גוט; האט געקראנקען היץ און איז געווארען „פארביי”. וועלכע מיטלען ער האט ניט גענומען — האט עס ניט געהאלפען. צום גליק אבער איז אריינגעקומען א שכנה „זעהר א קלוגע און געניטע פרוי”, און ווי נאר זי האט א קוק געטאן אויפ'ן קינד, האט זי באלד דערקענט, אז דאס איז א „בייז אויג” און געהייסען אויסגיסען א גלאז וואסער אויפ'ן שוועל. האט ער זי געפאלגט און אויסגעגאסען א גלאז וואסער אויפ'ן שוועל, און פארטאג צו (ד. ה. אין א זעקס-זיבען שעה ארום) איז דאס קינד געווארען בעסער. דערפאר האט ער ניט געשלאפען און דערפאר האט ער פארשפעטיגט צו דער ארבייט.

פרעג איך דעם מאן, צי ער איז זיכער, אז דאס קינד איז געהאלפען געווארען דורך דעם, וואס ער האט אויסגעגאסען א גלאז וואסער אויפ'ן שוועל. האט דער מאן א קוק געטאן אויף מיר קאלט און שטרענג, אפגעקערט דעם קאפ און גארניט געענטפערט.

און אין דעם ליגט איינע פון די גרויסע שעדליכקייטען, וואס די מיקראבען טראגען מיט זיך: חוץ דעם, וואס זיי פיהרען צו פאלשע באשלוסען און שטערען צו קורירען די קראנקהייטען, וועקען זיי און אנטוויקלען אבערגלויבישע געפיהלען און נעראנקען. און אבערגלויבען איז עס יענער אייזערנער צוים, וואס האלט געפאנגען דעם מענשליכען גייסט און לאזט איהם ניט זיך צו אנטוויקלען.

אבער די אויפגאבע פון דער וויסענשאפט איז ניט נאר צו אנטפלעקען די סודות פון דער נאטור, אויסגעפינען די אורזאכען פון ערשיינונגען און באקעמפען די ניט גינסטיגע ערשיינונג אין דער נאטור, — נאר אויך באקעמפען דעם אבערגלויבען, באפרייען דעם מענשליכען גייסט און העלפען איהם זיך צו אנטוויקלען. די אויפגאבע פון דער וויסענשאפט איז ניט נאר פארשען און זוכען, נאר אויך צו פאפולאריזירען פאר די ברייטע מאסען יענע אמת'ען, וועלכע זי האט ענטדעקט. דער נאטור-היסטארישער מוזעאום, איבער וועלכען מיר מאכען איצטער דעם צווייטען שפאציר, איז איינער פון די וויכטיגסטע וויסענשאפטליכע אינסטיטוטען אין דער וועלט, און איינע פון זיינע אויפגאבען איז צו פאפולאריזירען די וויסענשאפטען פאר דעם ברייטען עולם.

אויף דעם דריטען שטאק פון דעם מוזעאום איז פאראן א זאל וואס איז געווידמעט דער פראגע פון פאלקס-געזונד („פאבליק העלט”). אזוי ווי טרינק-וואסער איז איינער פון די וועגען, דורך וועלכע שעדליכע מיקראבען ווערען, אדער קאנען ווערען פארשפרייט, דעריבער ווערט דארטען פריהער פון אלץ געוויזען דער אונטערשיד צווישען ריינע און ניט ריינע וואסער, און דער אונטערשיד צווישען סאניטארע און ניט סאניטארע באדינגונגען פון לעבען. עס ווערען דארטען געצייגט פארשידענע מיטלען און איינריכטונגען צו ריינינגען טרינק-וואסער און מאכען עס ניט שעדליך פאר'ן געזונט. די אלע זאכען און מאדעלען, וואס ווערען דארטען געציינגט, זיינען באגלייט מיט סטאטיסטישע ציפערען וואס זיינען געזאמעלט געווארען דורך פילע יאהרען פון פארשען. די ציפערען ציינגען, צווישען אנדערעס, אויף וויפיעל מאל די שטערבליכקייט איז גרעסער ביי ניט סאניטארע באדינגונגען פון לעבען, און וויפיל מען געווינט אין געזונט און לעבען ביי סאניטארע באדינגונגען.

גרויס אויפמערקזאמקייט ווערט דארטען געשאנקען די מיקראבען און די וועגען דורך וועלכע זיי פארשפרייטען זיך. די מיקראבען פון איינעגע אנשטעקענדע קראנקהייטען — ווי טובערקולאזיס, דיפטעריא, טיפוס, ניומאניא א. א. וו. — ווערען דארטען אילוסטרירט דורך גלעזערנע מאדעלען. די מאדעלען ציינען ווי אזוי יעדער מין מיקראב זעהט אויס. נאטירליך זיינען די מאדעלען געמאכט געווארען מיליאנען מאל גרעסער, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט; זיי אילוסטרירען אבער דעם געשטאלט פון די מיקראבען אויסגעצייכענט. ארטיסטען האבען אויף די מיקראבען געקוקט דורך מיקראסקאפען און נאכגעמאכט זייער אויסזעהען.

אגב וויל איך דא דערציילען, אז מיט איינעגע יאהר צוריק האב איך געהאט פארגעשלאגען דער סיטי עדיוקיישאנאל קאמיטע פון ארבייטער רינג, אז אין געוויסע ערטער, וואו ארבייטער פארזאמלען זיך — ווי אין לייבאר ליסעאום אין בראנזוויל צ. ב. ש. —— זאל מען אוועקשטעלען א מיקראסקאפ און געבען די ארבייטער א מעגליכקייט צו זעהן די מיקראבען מיט זייערע אויגען. מיין פארשלאג איז ניט דורכגעפיהרט געווארען, ווייל עס איז פארבונדען מיט געוויסע קאמפליקאציעס. קוקען דורך דעם מיקראסקאפ קאן נאר איין מענש אין דערזעלבער צייט, און יעדען איינעם דארף מען געבען כאטש א 10 מינוט צייט צו קוקען. אין לויף פון אן אווענט קאנען קיין סך מענשען דורך דעם מיקראסקאפ ניט קוקען. דאס איז שוין פארבונדען מיט א „נעקסט”, מיט ווארטענען, מיט אנטוישונגען. איך גלויב אבער, אז פאר די איינצעלנע, וואס וואלטען דורך דעם מיקראסקאפ געקוקט, וואלטען זיך נייע וועלטען אנטפלעקט. זיי וואלטען מיט זייערע אויגען דערזעהן די באשעפענישען וואס פאראורזאכען קראנקהייטען. דאס וואלט געהאט א גרויסע אויפקלערענדע באדייטונג, און ווייניגער מענשען וואלטען געגאסען גלעזער וואסער אויף די שוועלען, ווען עמיצער אין פאמיליע ווערט קראנק.

אין זעלבען זאל פון מוזעאום ווערען אויך געצייגט די וועגען דורך וועלכע מיקראבען פארשפרייטען זיך. די וועגען זיינען פארשידענע. מייז און ראצען פארשפרייטען מיקראבען. צייגט מען דארטען מייז און ראצען און טיילען פון וועגט פון א געוויינליכע הויז, וואו מייז און ראצען האלטען זיך אויף און פלאדיען זיך. פליגען, לייז, פליי און אנדערע אינסעקטען פארשפרייטען אויך מיקראבען. צייגט מען דארטען, ערשטענס, וואקסענע מאדעלען פון אט די אינסעקטען. די מאדעלען זיינען טויזענט מאל גרעסער, ווי די זעלבע אינסעקטען אין דער ווירקליכקייט; מען זעהט ווי האריג זיי זיינען; און אט צו די האר קלעפען זיך עס צו די מיקראבען, וואס ווערען אריבערגעטראגען פון ארט צו ארט. דארטען ווערען אויך געצייגט די באדינגונגען, ביי וועלכע פליגען פלאדיען זיך און די שנעלקייט מיט וועלכע זיי מעהרען זיך. און אט די אלע טרעגער פון מיקראבען: מייז, ראצען, פליגען און אנדערע, פלאדיען זיך און מעהרען זיך אין שמוץ און אומריינקייט. דאס אלעס ווערט דארטען אילוסטרירט מיט א מערקווירדיגער בילדערליכער איבערצייגענקייט.

דארטען איז פאראן א פאטאגראפיע פון א טראפען בלוט א סך מאל פארגרעסערט. דאס איז ניט קיין געמאלען בילד, נאר א פאטאגראפיע פון דער ווירקליכקייט. מען זעהט גאנץ דייטליך די רויטע בלוט קייקעלאך און ווי אזוי א געוויסער מיקראב שווימט צווישען אט די רויטע קייקעלאך.

צו באשרייבען אלץ, וואס דארטען געפינט זיך, איז ניט מעגליך. עס וואלט זעהר און זעהר ראטזאם געווען, אז די לעזער זאלען זיך אליין אהין דורכגעהן און זעהן די זאכען. זיי וואלטען פון דעם זעהר פיעל געלערנט ווען זיי וואלטען די זאכען אויפמערקזאם באטראכט.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

נייגעריגער. — די ארטיקלען, וואס איהר לייענט אין דער „גערעכטיגקייט” אונטער דעם נאמען „זאכען גוט צו וויסען”, ווערען פאנאנדערגעשיקט צו פארשידענע צייטונגען פון דער „פאראיין לענגוויזש אינפארמיישאן סורוויס”. די מעהרסטע ארטיקלען זיינען פון אן אינגעמיינעם כאראקטער איבער זאכען, וואס קאן ניט שאדען אונזערע לעזער צו זיין אינפארמירט מעהר אדער ווייניגער וועגען זיי. אפט זיינען די ארטיקלען זעהר צוגעפאסט צום סעזאן. אזוי, למשל, האבען מיר אין לעצטען נומער געהאט א קורצע אפהאנדלונג וועגען שווימען. איצט, ווען עס איז אזוי הייס, ווען אלע באדען זיך, און ווען שווימען איז אויף דער טאגעס-ארדנונג, און ווען דאס וואסער פאדערט פילע אפפער, איז א ווארט פון ווארנונג, ווי זיך אויסצוהיטען פון אלערליי געפאהרען ביים שווימען, זעהר אין צייט. אין דעם נומער וואס איהר געפינען אן אפהאנדלונג איבער וואקיישאן. אויך א זעהר צייטליכע טעמא. פילע, פילע ארבייטער נעמען וואקיישאן פאר א וואך אדער צוויי. נוצען אבער אלע אויס די פאר וואכען אפרוה אזוי, אז זיי זאלען ווירקליך זיך אויסרוהען און ווערען געזינטער? דאס איז א גרויסע פראגע. און פארוואס איז עס אזוי? דערפאר, ווייל זיי ווייסען ניט, ווי אויסצונוצען די פאר וואכען אין דער קאנטרי, אדער ביים ים. בקיצור, מיר דענקען, אז עס איז גארניט קיין שלעכטע „פיטשור” אין דער צייטונג, און פארדינט כשר דעם פלאץ, וואס זי פארנעמט.

ל. כ. — איהר ווייסט דאך, אז קיין צופיפלאץ האבען מיר ניט. דערפאר קאן ניט זיין די רעדע פון א שטענדיגע, רעגולערע מיטארבייטערשאפט. אבער פון צייט צו צייט וועלען מיר אן ארטיקעל פון דעם „מחבר” גערן פארעפענטליכען.

פ. לאנדוי. — אייער פארלאנג, אז פאר אונזערע ענטפערס וועגען ליטעראטור זאלען מיר האבען א באזונדער אפטיילונג, ווייל, ווער וויל דאס „דורכבלעטערען” גאנצע צווידריי קאלומען פעסים, וואס פארנעמט זיך מיט קלאוקמאכער ענינים, ביז ער וועט זיך אנשטויסען אויף „א זעהר אינטערעסאנטען ענטפער איבער א וויכטיגען ליטעראַרישען ענין”. קאן ניט ערפילט ווערען און קאן נאר ניט געלוסטען ווערען איז אמבאטראכט. איהר מיינט, אז „קלאוקס און ליטעראטור זיינען ניט קיין פאר קליידער”. מיר זיינען מיט אייך ניט איינפארשטאנען. מיר, פון אונזער זייט, גלויבען באמת, אז יעדער, וואס אינטערעסירט זיך מיט ליטעראטור, דארף האבען נאר א היבשע ידיעה וועגען דעם ארבייטער, וועגען זיינע אינטערעסען אין שאפ, אין דער היים, אין דער יוניאן, אין גאס. אויב ניט, מוזען זיינע ליטערארישע קענטניסע זיין זעהר מאנגעלהאפט. ווארום די בעסטע ליטעראטור איז די, אין וועלכער עס שפיגעלט זיך אפ דאס מענשליכע לעבען, און ווען איינעם פעהלט דאס קענען פון דעם ארבייטער-לעבען, איז ניט ער אליין קען דאס מינדסטע ביישטראגען צו דער ליטעראטור, און ניט ער קאן ריכטיג אפשאצען אמתיגעס ליטעראטור. ווייסט איהר, אז איינע פון די בעסטע ליטערארישע ווערק אין ענגליש איז אב. קאהאנ'ס בוך „טהי רייז אוו דייוויד לעווינסקי”, וואו עס ווערט אויסגעצייכענט געשילדערט די גאנצע קלאוקבייזנעס מיט אלע פיטשעווקעס? איהר וועט דערפון זעהן, אז קלאוקס קאן זיין א זעהר גוטער מאטעריאל פאר ליטעראטור, און מיר זעהען ניט איין, ווארום זאלען אונזערע „גרעסטענדע ליטערארישע ענטפערס”, ווי איהר שמייכעלט אונז, צוזאמענגעמישט מיט קלאוקס, ווערען צוליב דעם כמא. אינזער אבזיכט דערביי איז א דאפעלטער. זאל דער קלאוקמאכער, וואס לייענט אן ענטפער וועגען א קלאוק-אנגעלעגענהייט, אויך, ווילענדיג ניט ווילענדיג, לייענען אמאל עטוואס וועגען א ליטערארישען ענין. און זאל דער, וואס אינטערעסירט זיך בלויז מיט ליטעראטור, אויך לייענען עטוואס וועגען דעם, וואס איז פון גרויס אינטערעס פאר צעהנדליגע טויזענטע קלאוקמאכער. עס וועט איהם אסור שאדען.

זלמן גלאזער. — פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט” וועט איהר אויסגעפינען דעם אמת, אז די פיהרער אונזערע האבען אנגעווענדעט אלע זייערע כוחות פאר די אנערקענונג פון די דעזיינערס. אלס יוניאן מעמבערס גלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער פון די אנדערע פאכען. דאס איז דוקא דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל, ווען זי האט זיך איינגעשטעלט פאר די דעזיינערס. ביז איצט איז קיינמאל די פראגע גארניט אויפגעהויבען געווארען, און די יוניאן האט קיינמאל ניט געקעמפט פאר זיי. איהר מוזט האבען אין זינען, אז עס איז ערשט ניט לאנג, ווי די דעזיינערס האבען געבילדעט א יוניאן, ווייל פריהער האבען זיי אליין זיך איינגערעדט, אז זיי זיינען קינסטלער און זיי דארפען קיין יוניאן ניט. און אפילו איצט זיינען דא דעזיינערס, וועלכע זיינען פון דער דאזיגער מיינונג, און דערפאר זיינען זיי נאך איצט אויסער דער יוניאן. אלזא, אין די לעצטע פאר יאהר האבען די דעזיינערס אויפגעבוים א יוניאן, און די אינטערנעשאנאל האט אנגעהויבען קעמפען פאר זייערע רעכטע, אלס יוניאן-לייט. פארשטעהט זיך, אז דער דאזיגער קאמף פאר די דעזיינער איז נאך גאנץ יונג, און עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס די מעהרסטע בעלי בתים זיינען שטארק נעגען די צומוטהונג פון אנערקענען א דעזיינער יוניאן. אבער, פונקט ווי די בעלי בתים האבען נאכגעגעבען פילע אנדערע פאדערונגען, וואס זיי זיינען אין אנפאנג געווען שטארק דאגעגען, ווי צום ביישפיל, א דורך און דורך יוניאן-שאפ, אזוי וועלען זיי אויך מוזען נאכגעבען די פאדערונג פון דער יוניאן אין באצוג צו די דעזיינער. איין זאך האט די יוניאן שוין אויסגעפיהרט, אז דער באס זאל ניט קאנען דיסקרימינירען א יוניאן דעזיינער. אין אנדערע ווערטער, ער זאל ניט קאנען אפזאגען פון דער ארביים א דעזיינער נאר דערפאר, ווייל ער איז א יוניאן-מאן. דאס איז דער ערשטער שריט, און די ווייטערע שריט, ביז צו זיין פולער אנערקענונג, וועלען מוזען נאכפאלגען. צו מאכען דאס פאר אן אישו, בעת איינינע זעהר וויכטיגע אישוס פאר דער גאנצער אינדוסטריע זיינען נאכגעגעבען געווארען און אנדערע דארפען נאך אויסגעקעמפט ווערען, וואלט, אזוי דענקען מיר, געווען זעהר ניט קלוג. און מיר זיינען זיכער, דאס די מעהרסטע דעזיינער, וואס זיינען גוטע יוניאן-לייט, דארפען אליין ניט פארלאנגען, אז דער גאנצער קאמף אין דער קלאוק-אינדוסטריע זאל זיך צופלאקערען צוליב זיי, וועלכע זיינען א מיעוט שבמיעוט אין דער יוניאן. איהר וועט שוין אלזא פון דעם פארשטעהן, אז קיינעמס אינטערעסען זיינען דא ניט אויפגעאפפערט געווארען, און דאס די פיהרער פון דעם סטרייק האבען גאנץ גוט פארשטאנען, וואס זיי טוען, און דאס דער קאמף פאר די דעזיינער איז נאך ווייט ניט געענדיגט. ער וועט אויפגעהויבען ווערען ביי דער ערשטער און בעסטער געלעגענהייט. און נאך עטוואס. דארט, וואו דער שאפ איז דורך און דורך א יוניאן-שאפ, דארט קאן עס נאר אנדערש ניט זיין, צי דער באס וועט ערלויבען, צי ניט, אז אויך די דעזיינערס זאלען זיין גוטע יוניאן-לייט. עס קאן דארום אויסקומען, אז די מעהרסטע דעזיינערס אין די שעפער וועלען זיין יוניאן-לייט פיל פריהער, איידער אזא פונקט וועט זיין אין אגרימענט.

א. שין. — אייער בריף צו די דעזיינער וועט ניט פארעפענטליכט ווערען. פארוואס? דאס קענען מיר אייך ניט ערקלערען, ווייל איהר פארלאנגט פון אונז אויסדריקליך, אז מיר זאלען מיט אייך זיך ניט דורכשמועסען, און מיר ווילען ניט אויף קיינעם ארויפצווינגען זיך מיט אן ענטפער, וועלכער ווערט ניט געווינשט.

ל. פרענקעל. — אייער בריוועל איז געשריבען מיט א ניט-ריינער, ניט עהרליכער כונה. איהר שעלט די טאכטער, און מיינט די שנור. איהר האט מיט אייער בריף געמיינט אונז, אלזא, אפצוזאגען... מיר קאנען אייך נאר זאגען, אז איהר זענט זעהר א נאאיווער מענש.

מ. פעלדמאן. — אויב איהר האט אזוי געגלויבט, אז די ארגאניזיישאן-ארבייט וועט קענען אויסגעפיהרט ווערען אין עטליכע טעג, איז דאס אייער טעות. די פיהרערשאפט פון דער יוניאן, מיט פרעזידענט זיגמאן בראש, האט פון אנפאנג אן זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר אן ערנסטע און שווערע ארבייט דאס איז צו רעארגאניזירען די אינדוסטריע, און זיי האבען אויך א מינוט ניט געגלויבט, אז דאס קאן אויסגעטאן ווערען אין א וואך אדער צוויי. פארגעסט ניט וויפיעל וואס דא האנדעלט זיך. עס זיינען דא הונדערטער שעפער אין ניו יארק. דארף א העלפט פון זיי פארשווינדען. דאס איז ניט קיין קלייניגקייט. זאגען מיר, עס איז דא א מאנופעקטשורער, וועלכער וויל נאכקומען די הוים פון דער יוניאן. ער האט אבער ניט דעם גענוגען פלאץ פאר 14 אפערייטארס, מיט די נויטיגע צאהל שניידער, פרעסער, קאטערס, וויפיל עס פאדערען זיך פאר 14 אפערייטארס. ער מוז דארום קריגען אן אנדער ארבייטס-פלאץ; ער מוז אויסגעבען זיין פריהערדיגע פעקטארי. דאס איז, וועט איהר צוגעבען, א זאך, וואס מען קען ניט מאכען אין א טאג. און אט האט א מאנופעקטשורער שוין יע דעם פלאץ מיט די מאשינען, אבער די יוניאן וויל זיין זיכער, אז ער וועט ערפילען די נויטיגע יוניאן-קאנדישאנס. זי פאדערט דארום אזא סעקיוריטי, וואס ער זאל ניט קענען אפטרעטען צו פארלירען, איז פאר ער וועט באלד נאכדעם סעטלמענט איינפיהרען די אלטע פארהעלטניסע אין זיין שאפ. ניט יעדער מאנופעקטשורער האט אבער געגעבען אזא סעקיורריטי: איינע, דערפאר, ווייל זיי מיינען אפצונארען די יוניאן; אנדערע, ווייל זיי זיינען פשוטע קבצנים. די וועלען מוזען, ווילענדיג ניט ווילענדיג, פארלאזען די אינדוסטריע. אבער, נאטירליך, וועלען זיי עס ניט טאן אזוי גיך. זיי מיינען צו קענען אויספיהרען דאס זייעריגע. דאס און פילעס אנדערע מאכט דעם פראצעס פון דער רעארגאניזיישאן גאנץ לאנגזאם. אבער די ארבייטער, וואס פארשטעהען אן עניו, און וועלכע זיינען גוטע יוניאן-לייט, דארף עס ניט פארדריסען. פארקערט, עס דארף זיי הנאה טאן, ווארום פון דעם קענען זיי זעהן, ווי ערנסט מיינט עס די יוניאן מיט איהר אויפטו.

ג. גראדנער. — ניין, מיר האבען ניט געזעהן דעם הענדביל, אין וועלכען די רויטע סקעב-אגענטען פארלאנגען פון אונזערע פיהרער, אז זיי זאללען רעזיינירען. נאר, אויב זיי האבען דאס טאקע פארלאנגט, האבען זיי באוויזען, אז א חוץ דעם, וואס זיי האבען סקעבישע נשמות, זיינען זיי נאך אויך אידיאטען. באטראכט, פריהער ערקלערען זיי אונזערע פיהרער פאר פאררעטער, פאר מענשען, וועמען עס ארט נאר פאר זייערע אינטערעססען און ניט פאר דער יוניאן, און דאן אפעלירען זיי צו זיי, אז זיי זאלען רעזיגנירען. איז דאס ניט די העכסטע אידיאטסטווא? פאררעטער רעזיגנירען ניט. זיי מוז מען ארויסטרייבען. פון דעם אליין קאנט איהר שוין זעהן, וואס פאר א חכמים דאס זיינען אט די רויטע סקעבאטשעס!

ברוך זאלצמאן. — 1) דאס ווארט „סקעב” מיינט אויף אידיש פארך. וואס עס ווערט פארשטאנען אונטער דעם ווארט „פארך” אויף אידיש, ווייסט איהר געוויס. א מענש, מיט וועמען קיינער וויל ניט האבען קיין מגע ומשא; א מענש, צו וועמען איינער פיהלט אן עקעל, ווייל ער איז אונעהרליך אין זיינע באציהונגען צו זיינע מיטמענשען, ווייל ער קאן אייך אריינשטעכען א מעסער אין רוקען. צי דאס ווארט „פארך”, „סקעב” פאסט זיך פאר איינעם, וואס געהט ארבייטען אין שאפ, ווען אלע ארבייטער קעמפען, דאס זיינען מיר א ביסעל אין ספק. אונז דאכט זיך, אז דאס ווארט דריקט ניט אוים די גאנצע נבזה'דיגקייט פון אזא נפש. אין ענגלאנד האבען זיי פאר אזא נפש אן אנדער ווארט: „בלעקלעג”. דאס ווארט שיינט אונז צו זיין א ביסעל שטארקער ווי „סקעב”, וואס ווערט אין ענגלאנד זעלטען ווען געברויכט. איהר וועט שוין פון אונזער ערקלערונג פארשטעהן, אז ווי עקעלדיג עס איז דער סקעב, איז אבער דער סקעב אגענט, דער וואס שטעלט צו סקעבס אין דער צייט פון אן ארבייטער קאמף, נאך טויזענט מאל עקעלדיגער. מיט איינינע יאהר צוריק זיינען די סקעב אגענטען געווען אלערליי סוילקעסעס. איצט זיינען עס די זאגענאנטע קאממוניסטען. מעג מען דערום וועגען זיי זאגען, אז ניט נאר זיינען זיי פארכעס, נאר פארכעס שבפארכעס, פארכעס אין קוואדראט. 2) אויף אייער צווייטער פראגע, ווארום רופען מיר זיי קיינמאל ניט אן מיט די נעמען, בעת אונז האלטען זיי אין איין דערמאנען מיט'ן נאמען, איז דער תירוץ: זיי האבען קיינמאל ניט געהאט, האבען ניט און וועלען ניט האבען קיין נאמען. דאס זיינען אלע נפשות אהן נעמען. א נאמען, פריינט, דאס דארף מען זיך קאנען מאכען, דערצו געהערען פעהיגקייטען, געוויסע אויפטואונגען, און דאס האבען ניט די חברה-לייט. ניטא קיין איינציגער צווישען זיי, וועמען מען זאל קאנען אנרופען מיט'ן נאמען, און איהם דערמיט אויף דאס מינדעסטע שעדיגען. מען קאן פארשווארצען, פארלוימדען א מענשען מיט א רעפוטאציע, אבער איהר קאנט עס ניט מיט מענשען, וואס האבען קיינמאל קיין רעפוטאציע ניט געהאט.

ב. פ. — מיר האבען ניט אדרעסירט קיין פארזאמלונג פון די סטרייקער, ניט ווייל מען האט אונז ניט איינגעלאדען. ברודער אשפיז פון דער ספיקער קאמיטע האט אונז איינינע מאל געבעטען צו קומען רעדען, אבער מיר האבען זיך געמוזט אנטזאגען, ווייל מיר פיהלען זיך ניט געזונט גענוג. אויסער דעם, ווייסען מיר, אז צווישען אונזערע פיהרער זיינען דא גענוג גוטע רעדנער פאר אזא פאל, און מיר האבען זיך געמאכט א היתר דאס מאל אויסצוגלייבען. יערענפאלס, א דאנק פאר נאכפרעגען.

וויכטיגער פארטשריט פון ווארקמענס קאמפענסיישאן

פון דר. הערמאן פראנק.

די אינשורענס ביזנעס איז ביי זיינע טיגס טאג איינע פון די באדייטענדסטע פאר דער גאנצער געזעלשאפט אזוי גוט ווי פאר דעם יחיד. דער פארנעם פון דער דאזיגער ביזנעס וואקסט אין אמעריקא פון יאהר צו יאהר און נעמט ארום זעהר א גרויסען טייל פון דעם נאציאנאלען פארמעגען פון די פאראייניגטע שטאטען. אין די הענט פון די גרויסע אינשורענס קאמפאניעס זאמלען זיך אן קאלאסאלע קאפיטאלען, וועלכע האבען דעם צוועק צו פארהיטען דעם יחיד פון עקאנאמישע קאטאסטראפעס אדער פארלייכטערען וויניגסטענס זייערע טרויעריגע פאלגען.

די ארבייטערשאפט קאן זיך אבער ניט פארזיכערען פון אן אומגליק דורך די קאמפאניעס, צוליב דעם וואס ביי דעם קליינעם פארדינסט פון א לוין־ארבייטער איז שווער צו באצאהלען די הויכע פרעמיומס, וואס ווערען פארלאנגט פון די פריוואטע קאמפאניעס, וועלכע ארבייטען צוליב פראפיט. נאך אן אורזאכע איז די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער דער ארבייטער באציהט זיך צו זיין צוקונפט, פארגעסענדיג, אז א מענש מוז זיך באצייטענס פארזיכערן געגען א פלוצלינגער סיבה און צוגרייטען מיטלען על כל צרה שלא תבא. די ארגאניזירטע ארבייטער־באוועגונג האט אבער געפיהרט דערצו, אז דורך א פאראייניגונג מיט זיינע גענאסען קען יעדער ארבייטער לייכט אננעמען מיטלען געגען אומגליקספאלען דורך אינשורענס.

מיר זעהען, אלזא, אז פאר די ארבייטער קען נאר דאן ארויסקומען א נוצען פון דער אינשורענס, ווען ס'ווערט אנגענומען א באזונדער סיסטעם פון קאלעקטיווע אינשורענס. אויף דעם דאזיגען גרונד זיינען שוין אין אלע אינדוסטריעלע לענדער איינגעפיהרט געווארען געזעצען צו באשיצען דעם ארבייטער פון פארשיידענע סכנות פאר קליינע פרעמיומס, אפט מיט דער אונטערשטיצונג פון די עמפלאיערס און שטענדיג אין אבליגאטארישער פארמע. דאס מיינט, אז נאר דאן, ווען די אינשורענס ווערט א צוואנג זאך, פון וועלכער מ'קען זיך ניט אפזאגען, ווערט זי ווירקזאם פאר די סאמע ברייטע שיכטען פון פאלק.

אזא צוואנגס־סיסטעם פון קאלעקטיווע אינשורענס ווערט אנגערופען „סאשעל אינשורענס" און איז פאר די לעצטע 25—30 יאהר אנערקענט געווארען דורך די טרייד יוניאנס פאר איינער פון די וויכטיגסטע לעבענס־פראגען פון ארבייטער קלאס.

די סאשעל אינשורענס קען איינגעטיילט ווערען אין פאלגענדע קאטעגאריעס לויט די געפאהרען, וועלכע באדראהען די עקזיסטענץ פון דעם ארבייטער: אינשורענס געגען אינדוסטריעלע עקסידענטס, געגען קראנקהייט, ארבייטסלאזיגקייט, אינוואלידיטעט און עלטער.

בלויז איינע פון די פינף צווייגען פון דער סאשעל אינשורענס איז שוין איינגעפיהרט אין אמעריקא — די עקסידענט אינשורענס, וועלכע איז אויך באקאנט מיט דעם נאמען „ווארקמענס קאמפענסיישאן", אדער „לייעבילִיטי אינשורענס".

די אינדוסטריעלע עקסידענטס זיינען אומפארמיידליך אין דער מאדערנער פאבריק־סיסטעם, הגם מ'קען באדייטענד פארקלענערען זייער צאהל דורך די פארהיטונגס מיטלען. אין 1923 זיינען אין אמעריקא פארגעקומען 2,453,000 עקסידענטס, פון וועלכע 21,530 האבען געפיהרט צום טויט און 1,800 צו א שטענדיגער ארבייטס־אומפעהיגקייט פון די געליטענע. מיר זעהען אלזא, אז 1 פראצענט פון די עקסידענטען ברענגט צו דעם, אז די פאמיליעס זאלען אויף שטענדיג פארלירען זייערע שפייזער. עס איז אלזא קיין וואונדער ניט, ווען די פראגע ווי צו פארהיטען דאס לעבען פון די ארבייטער און זייער פולע פעהיגקייט האט אין דער לעצטער צייט פאראינטערעסירט אלע ארבייטער־פיהרער פון לאנד.

נאך א סטאטיסטישע אילוסטראציע: אין משך פון אמעריקא'ס באטייליגונג אין וועלט־קריג האט די צאהל פון די אינדוסטריעלע עקסידענטס איבערגעשטיגען מעהר ווי 10 מאהל די צאהל עקסידענטס אין דער אמעריקאנישער ארמיי. אויב מ'זאל נעמען אין באטראכט די צאהל פון די ארבייטער און סאלדאטען, וועט זיך ארויסשטעלען, אז אן ארבייטער אין דער אינדוסטריע האט געהאט 2 מאל אזוי פיל געלעגענהייטען באשעדיגט צו ווערען ווי א סאלדאט אויף דעם שלאכטפעלד, אדער אין קעמפ. און דער דאזיגער רעקארד איז געקומען אין א צייט, ווען איבער'ן גאנצען לאנד איז געווען פארשפרייט דער לאזונג „סייפטי פירסט", און עטליכע נאציאנאלע ארגאניזאציעס מיט דעם ציל צו באקעמפען די עקסידענטס זיינען אקטיוו אנגעגאנגען מיט זייער ארבייט. פאר דעם לעצטען האלבען יאהר האבען זיך ווידער איבערגע'חזר'ט גרויסע קאטאסטראפעס אין די קוילען־מינען. הונדערטער מיינער האבען באצאהלט מיט זייער לעבען פאר דער פארברעכערישער גלייכגילטיגקייט פון די קאפיטאליסטען, וועלכע זשאלעווען נאך אלץ די הוצאות צו פארהיטען די מינען פון עקספלאזיאנס און דורך דעם פארהיטען זייערע ארבייטער פון א פריהצייטיגען טויט.

מיר זעהען, אלזא, די פראגע וועגען די אינדוסטריעלע עקסידענטס געהט אן דעם ארבייטער־קלאס ביים לעבען אין פולען זין פון ווארט און פארדינט דעריבער די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און אינטערעס.

נאך די פארהיטונגס־מיטלען, וועלכע קענען פארהיטען די ארבייטער פון די עקסידענטס, איז די „ווארקמענס קאמפענסיישאן" דער בעסטער מיטעל צו פארלייכטערען די פאלגען פון אומגליקספאלען אין דער אינדוסטריע. מיר וועלען זיך דעריבער אפשטעלען לענגער אויף דעם דאזיגען געזעץ אין צוזאמענהאנג מיט צוויי וויכטיגע אמענדמענטס, וועלכע זיינען מיט א קורצער צייט צוריק אנגענומען געווארען אין ניו יארק סטייט.

מיט צעהן־צוועלף יאהר צוריק, איידער די ווארקמענס קאמפענסיישאן איז צום ערשטען מאל אין אמעריקא איינגעפיהרט געווארען אין ניו דזשוירזי, איז דער אמעריקאנער ארבייטער כמעט אינגאנצען ניט באשיצט געווען פון די פאלגען פון אן עקסידענט. לויט די פארציטיגע רעאקציאנערע געזעצען איז ער אליין אדער נאך די איבעריגע ארבייטער (פעללאו סערוואנטס) געווען פאראנטווארטליך פאר דעם אומגליק, אבער ניט דער אונטערנעהמער. דאס הייסט, אז דער באס האט ניט געדארפט באצאהלען קיין סענט דעם צושעדיגטען ארבייטער אדער דער פאמיליע, וועלכע ער האט איבערגעלאזען אהן מיטלען צום לעבען. ווען די שולד פון אונטערנעמער איז געווען קלאר ווי דער טאג און אפען געריסען די אויגען, פלעגען לאיערס פארציהען דעם טרייעל אויף יאהרען און פון דעם ארבייטער'ס פרעטענזיע האט זיך קיין זאך ניט אויסגעלאזען, א חוץ א שעהנעם פארדינסט פאר די לאיערס.

אזא צושטאנד, אין א צייט, ווען אין אייראפא איז שוין זעהר שטארק געווען אנטוויקעלט די סאשעל אינשורענס, איז נאטירליך ווייטער ניט געווען מעגליך און איז ענדליך אפגעשאפט געווארען דורך דער סטייט געזעצגעבונג. צוערשט איז דאס געשעהן, ווי געזאגט, אין ניו דזשוירזי, און אין משך פון 12 יאהר, האבען ניט ווייניגער ווי 45 סטייטס און טעריטאריעס אנגענומען ענליכע געזעצען. אין 1922 האבען נאר 5 אפגעשטאנענע און רעאקציאנערע סטייטס (ביידע קאראליינאס, פלארידא, מיסיסיפי און ארקענזעס) ניט געהאט ביי זיך קיין קאמפענסיישאן לאו. אויך די פעדעראל רעגירונג האט אנגענומען אן ענליכע אינשורענס סיסטעם פאר איבער 500 טויזענט אנגעשטעלטע און ארבייטער און די סופרים קאורטס האבען פארשטארקט די ווירקונג פון געזעץ דורך זייערע גינסטיגע אנטשיידונגען.

דער דאזיגער געזעץ לייגט ארויף אויף די אונטערנעמער א פארפליכטונג צו באצאהלען זייערע ארבייטער א קאמפענסיישאן ביי יעדען אינדוסטריעלען עקסידענט. די קאמפענסיישאן האט א דאפעלטען ציל: צו געבען די ארבייטער די מעדיצינישע הילף ער זאל קענען קומען צו זיין פולער ארבייטס־קראפט אזוי שנעל ווי מעגליך, און, צווייטענס, שטיצען זיין פאמיליע דורך דער צייט פון דער קוראציע. דער גרעסטער טייל פון די סטייטס האבען באשטימט אין זייערע געזעצען, אז די אונטערנעמער דארפען זיין אינשורט אין זייערע ריסקען פון אינדוסטריעלע עקסידענטס, כדי די ארבייטער זאל זיין לייכטער צו קריגען די קאמפענסיישאן, וואס זיי קומט. אנדערע סטייטס, ווי ניו יארק און פענסילווייניא, האבען איינגעפיהרט א באזונדער סטייט־פאנד און סטייט קאנטראל איבער דער עקסידענט אינשורענס, וועלכע ווערט דורך דעם פיל ווירקזאמער און זיכערער.

ניט אין אלע סטייטס גאראנטירען די געזעצען די מעדיצינישע הילף אהן קיין שום באשרענקונג פון צייט. אין איניגע סטייטס דארף די קוראציע ניט דויערען לענגער ווי 90 טעג, און טאר ניט קאסטען מעהר ווי 250 דאלאר. כדי צו פארלייכטערען די אדמיניסטראטיווע פראצעדור און פארהיטען פון ארבייטס־אונטערברעכונג ביי קליינע עקסידענטס איז אין יעדען געזעץ באשטימט געווארען א וועיטינג פעריאד פון 3 טעג ביז 2 וואכען פאר וועלכען ס'ווערט ניט געצאהלט קיין קאמפענסיישאן.

אויב מ'נעמט אבער אין באטראכט, אז לויט דער עקסידענט־סטאטיסטיק פארלאנגען נאר 25 פראצענט פון אלע עקסידענטס א קוראציע לענגער ווי 14 טעג, זעהט מען אז ביי א וועיטינג פעריאד פון צוויי וואכען בלייבט דער ארבייטער ביי דעם גרעסטען טייל פון די עקסידענטס אינגאנצען אהן א קאמפענסיישאן. דער וועיטינג פעריאד טאר דעריבער ניט זיין צו לאנג.

מיט א קורצער צייט צוריק זיינען אין ניו יארק סטייט אנגענומען געווארען איניגע ענדערונגען אין דעם קאמפענסיישאן געזעץ, פון וועלכע די וויכטיגסטע איז, אז דער וועיטינג פעריאד ווערט פארקירצט פון 2 וואכען ביז 1 וואך. דאס איז אבער ניט מעהר ווי נאר איין שריט פארווערטס. די ארבייטער מוזען פארלאנגען, אז דער וועיטינג פעריאד זאל אינגאנצען אפגעשאפט ווערען. נאר דאן וועט דער געליטענער ארבייטער זיין זיכער מיט דער מעדיצינישער הילף אין יעדען פאל פון עקסידענט, וואס ס'קומט איהם לויט'ן גייסט פון געזעץ. א קורצער פעריאד פיהרט אויף דערצו, אז די אונטערנעמער אדער די אינשורענס קאמפאניעס זאלען געבען דעם געליטענעם די ריכטיגע קוראציע, וואס שנעלער דער ארבייטער קען זיך אומקערען צו דער ארבייט, אלץ ווייניגער וועט זיין די קאמפענסיישאן, וועלכע מ'דארף איהם באצאהלען, און ביי די קליינע עקסידענטס וועט ער דעריבער קריגען א גוטע מעדיצינישע באהאנדלונג און ניט פארנאכלעסיגט ווערען אינגאנצען, ווי ס'קומט היינט פאר, בעת ער האט געדארפט ווארטען 2 וואכען צו קריגען די מעדיצינישע הילף.

די נארמעס פון קאמפענסיישאן ביי א פולשטענדיגען פארלוסט פון דער ארבייטס־פעהיגקייט זיינען ניט איבעראל גלייך. אין ניו יארק און אהייא באשטימען די געזעצען, אז דער ארבייטער דארף קריגען 66 מיט צוויי דריטעל פראצענט פון די וויידזשעס במשך פון דער גאנצער צייט פון ארבייטס־אומפעהיגקייט, וואס מיינט אין פאלען פון א שטענדיגער אינוואלידיטי א פענסיאן פון צוויי־דריטעל פון די וויידזשעס אויף דעם גאנצען לעבען. דערביי זיינען אבער באשטימט אויך די לימיטס — ניט ווייניגער ווי 5 דאל. און ניט מעהר ווי 20 דאל. א וואך. אין פאלען פון טויט ווערט דערזעלביגער בענעפיט געצאהלט אויך דער אלמנה פון דעם ארבייטער ביז איהר טויט, אויב זי האט ניט חתונה א צווייטען מאל. דער קאמפענסיישאן געזעץ פון ניו יארק איז דער ליבעראלסטער אין גאנץ אמעריקא און איז שטארק ענליך צו דעם אינשורענס געזעץ אין דייטשלאנד, וואו די סיסטעם פון סאשעל אינשורענס איז איינגעפיהרט געווארען פיל פריהער ווי אין אלע איבעריגע לענדער.

איצט האלט מען ביים איינפיהרען אין ניו יארק א נייעם באדייטענדען אמענדמענט. דער געזעץ פלעגט פריהער ניט אנערקענען דאס רעכט פון אזעלכע פאמיליעס פון די אומגעקומענע ארבייטער, וועלכע האבען ניט געלעבט דא אין לאנד. דאס איז, פארשטעהט זיך, געווען א גרויסע עולה בנוגע צו די ארבייטער אימיגראנטען. איצט וועט די גזירה בטל ווערען. די „דזשאינט לעדזשיסלייטיוו קאמיטע און עקספלאטיישאן אוו אימיגראנטס" האט צוגעשטעלט א רעפארט וועגען דער פראגע פאר דעם סענאט און דער נעהעריגער ביל איז אנגענומען געווארען.

ס'איז ניט מעהר ווי רעכט צו געבען דער פאמיליע פון אן ארבייטער די פולע קאמפענסיישאן, ניט קוקענדיג אויף דעם צי זי געפינט זיך דא אדער אין אויסלאנד, אויב די שולד פאר דעם טויט פון דעם פארזארגער פון דער דאזיגער פאמיליע פאלט אויף דער אמעריקאנער אינדוסטריע.

דער נאטור-היסטארישער מוזעאום און זיין אויפגאבע

ווי אזוי דער מוזעאום קעמפט מיט אבערגלויבען.

(א שפאציר איבער דעם מוזעאום)

פון ל. בארארולין.

א סך שונאים האט דער מענש צווישען די אלע מינים לעבעדיגע באשעפעניסען און פלאנצען, וואס עקזיסטירען אויף דער ערד, און יעדער פון זיי פארשאפט דעם מענשען א היבש ביסעל שאדען אויף איינעם אדער צווייטען וועג. דער מענש האט אבער א קאטעגאריע שונאים, וואס זיינען א סך מאל געפערליכער און שעדליכער, ווי די איבעריגע; און דאס זיינען געוויסע מינים מיקראבען. געפערליכער זיינען זיי, ערשטענס, דערמיט, וואס זיי אטאקירען ניט דעם מענשען'ס האב און גוטס, ווי די איבעריגע שונאים זיינען, נאר דעם מענשען גופא. און הויפטזעכליך זיינען זיי געפערליכער דערמיט, וואס זיי זיינען אזוי קליין, אז מען קאן זיי מיט די אויגען ניט זעהן. מיקראבען קאן מען זעהן נאר דורך א מיקראסקאפ, דורך א פארגרעסערונג פון טויזענט מאל. און אין דעם ליגט זייער הויפט געפאהר.

ווען א מענש ווערט געביסען פון א משוגענעם הונט און דערפיהלט א ווייטאג, זעהט ער דעם הונט און זעהט די דירעקטע שייכות צווישען דעם הונט און דעם ווייטאג. אבער ווען אין דעם מענשען אנטוויקעלט זיך דערנאך הידראפאביא, גלויבט ער, אז דאס איז די משוגעת אריבער פון דעם הונט צום מענשען. אבער משוגעת איז ניט קיין זאך; עס איז ניט עטוואס, וואס קאן אריבער. עס איז א צושטאנד פון קערפער, וואס קאן פון עפעס פאראורזאכט ווערען. אין דער ווירקליכקייט ווערט דער צושטאנד (די קראנקהייט הידראפאביא) פאראורזאכט פון באקטעריען, וואס זיינען אריבער פון דעם משוגענעם הונט אין די בליטען פון דעם מענשען. אבער די באקטעריען זעהט ער ניט; ער פיהלט ניט ווי אזוי זיי האבען אין איהם די קראנקהייט פאראורזאכט, און דעריבער קומט ער צו פאלשע באשלוסען, אז אריבער איז דא א בייזער גייסט, א משוגעת. און ווען מען קומט צו פאלשע באשלוסען קאן מען ניט געפינען קיין ריכטיגע מיטלען די קראנקהייט צו קורירען.

אין אזא פאל איז, אמווייניגסטען, פאראן א מאטעריעלע, א רעאלע פארבינדונג. הידראפאביע האט זיך אנטוויקעלט אין א געוויסער צייט נאך דעם, ווי דער מאן איז געביסען געווארען פון א הונט. אבער אין פאל פון פארשפרייטונג פון אן אנשטעקענדער קראנקהייט איז אפילו אזא רעאלער, זעהבארער צוזאמענהאנג ניטא. א מענש ווערט פלוצים קראנק „פון זיך אליין"; די קראנקהייט ווערט ערגער און ערגער, ביז דער מענש שטארבט. אין א צייט פון עפידעמיע זעהט מען אז א סך מענשען קריגען דיזעלבע קראנקהייט און שטארבען אויף דעם זעלבען אופן. מען פיהלט, אז די קראנקהייט איז אן אנשטעקענדע; אז זי געהט אריבער פון איין מענשען צום צווייטען; אבער וואס איינגענטליך עס געהט דא אריבער — ווייס מען ניט. די קראנקהייט אליין קאן דאך ניט אריבערגעהן, ווייל קראנקהייט איז ניט א זאך, וואס קאן זיך באוועגען. עס איז נאר א צושטאנד פון קערפער וואס ווערט פון עפעס פאראורזאכט. און אזוי ווי מען זעהט ניט די זאך, אדער זאכען וואס שאפען די קראנקהייט, האט מען געגלויבט, אז דא געהען אריבער בייזע גייסטער, אדער אנדערע אבסטראקטע זאכען. די בייזע גייסטער האט מען זיך פארגעשטעלט אמאל אין פארם פון א „לופט", און אמאל אין געשטאלט פון שדים און רוחות, וועלכע באזיצען די איבערנאטירליכע איינגענשאפט, וואס מען קאן זיי ניט זעהן, כאטש זיי דרעהען זיך ארום דעם מענשען און דרינגען אריין אין זיינע וואוינונגען. מען האט אויך געגלויבט, אז דורך געוויסע סגולות, קרבנות אדער תפילות קאן מען די בייזע גייסטער פארטרייבען.

אט די אבערגלויבענס עקזיסטירען נאך ביז היינטיגען טאג. מיט עטליכע יאהר צוריק בין איך צוגעגאנגען צו א בילדינג וואס האט זיך געהאלטען אין בויען, און גערעדט מיט'ן קאנטראקטאר. אין דער צייט איז צוגעקומען אן ארבייטער און אנגעהויבען אנטאן די אווערא(ל)ס. פרעגט איהם דער קאנטראקטאר, פארוואס ער איז געקומען אזוי שפעט צו דער ארבייט. ענטפערט דער ארבייטער, אז ער האט א גאנצע נאכט ניט געשלאפען, ווייל ער האט געהאט טראבעל. זיין א מיידעלע איז אין אווענט געווען פריש און געזונט און זיך געשפילט מיט אנדערע

יוניטי

(שלוס פון זייט 7).

און צופרידען. און די איינציגע זאך, יוניטי, וואס וואלט זיי געקענט גליקליך מאכען, איז דאך אזוי לייכט, און דאך אזוי שווער צו קריגען.

עס זיינען אנגעקומען די ציַיטונגען, און דער עולם האט זיך צוגעכאפט לייעַנען דעם רעזיסשאן פון דער קאמיסיע. נאכ'ן לייענען האט זיך אנטוויקעלט א דיסקוסיע וועגען אונזערע געווינסען. די לינקע האבען געקריטיקירט אין די רעכטע האבען פארטיידיגט. און מאַריס האט געטראכט: וואלט דארטען געווען יוניטי, אמת'ע הונדערט פראצענטיגע יוניטי, וואלטען מיר צו קיין קאמיסיע ניט גע־דארפט געהן, מ'וואלט אונז ניט געוואגט צו ענטפערען אז אונזערע פארדערונגען זיינען אנדעביימעבל. אבער וואס קענען מיר ערווארטען אהן יוניטי? ווי קענען מיר ערווארטען אז דער שונא זאל פאר אונז מורא האבען, אין דער צייט, ווען מיר שטעהען, אין איינענעם לאגער, איינער נעגען דעם אנדערען מיט מע־כערס אין די הענט?

נאך 6 וואכען וואקיישאן.

כך הכל זעקס וואכען איז געבליבען צו לייבאר דעי, ווען אלע קעהרען זיך אום פון זומער וואקיישאן. לייבאר דעי פארמאכען זיך אויך הייזער פון דער אידישער וואקיי־שאן סאסייעטי פאר ארבייטענדע מיידלאך, וואו פאר דער קליינער סומע פון בלויז 8 דאלאר א וואך קריגען די געסט לאדזשי און באארד מיט די געשמאקסטע אידישע עסענס. איין הויז געפינט זיך אין די קעטסקיל בערג אין ביג אינדיען און די צווייטע אין בעלפארט, לאנג איילאנד. אזוי ווי די צייט איז א קורצע און אפלי־קאנטען זיינען דא א סך, ווערען די מייד־לאך געבעטען צו פארשרייבען זיך באלד ניט אפלעגענדיג אין דעם עדיוקיישאנאל עלייענס, קארנער איסט בראדוויי און דזשעפערסאן סטריט, יעדען דינסטאג און דאנערשטאג פון 5 ביז 7.30 אין אווענט, וואו זיי וועלען אויך קריגען אלע נויטיגע אויסקינפטע.

דער
ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שטיצט יע־דען וויכטיגען עקאנאמי־שען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קול־טור צענטער אין דער אידי־שער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידי־שער ארדען, וואס האט אן איינענעם סאניטאר־יום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

א סטרייק אדער ניט קיין סטרייק

יעצט איז די צייט צו אטענדען צו אייערע ציין אין אייער איי־גענעם דענטאל דעפארטמענט.

יעדער מיטגליד פון דער יו־ניאן האט די פריווילעגיע צו לאזען זיך עקזאמינירען און צו קריגען די געוויסענהאפטסטע עצות פון דר. מאקס פרייס, טשיף דענטיסט, אין גאנצען פריי.

דענטאל דעפארטמענט יוניאן העלטה סענטער

131 איסט 17טע סט.
ניו יארק סיטי.

אפיס־שטונדען: טעגליך פון 10 פריה ביז 7 אווענט: שבת — 10 פריה ביז 4 נאכמיטאג. זונטאג — געשלאסען.

דורך די מאנאטען דזשו־ליי און אוגוסט וועט דער דענטאל דעפארטמענט זיין פרייטאג געשלאסען.

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס
302 BROADWAY, NEW YORK
Telephone: Worth 5623-5624

ארגאניזיישאן דעפארטמענט
א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

די ארבייטער ביי קלאוקס, סוטס, סקוירטס, דרעסעס, ווייסטען און אלע אנדערע לידיס גארמענטס פון די שעפער ארום ניו יארק ווערען אויפמערקזאם געמאכט, דאס דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט פון דער אינ־טערנעשאנאל האט געעפענט

דזשיצעהן אפיסעס
— אין —
ניו יארק, קאנעטיקוט און ניו דזשוירזי סטייטס

די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי לידיס גארמענטס אין די שטעדט און שטעדטלאך פון די דערמאנטע דריי שטאאטען, זיינען געבעטען מיטצוהעלפען דעם אינטערנעשאנאל ארגאניזיישאן־דע־פארטמענט. זיי קאנען עס טאן, ווען זיי וועלען ברייגנען אויסקינפטע וועגען די אוט־אוו־טאון שעפער אין דזשענעראל אפיס, אדער אין איינעם פון די בר. אפיסעס, וואס ווערען דא פארעפענטליכט.

די אינפארמאציע וועט צו קיינעם ניט ארויסגעגעבען ווערען. עס וועט געהאלטען ווערען סטריקט פריוואט.

אט איז די ליסט פון אלע אוט־אוו־טאון אפיסעס:

ברידזשפארט, קאנג.	מעטאל טריידס העדקוואַרטערס	927 מעין סטריט
נוארק, נ. דזש.	68 ס. אראנדזש עוועניו	מארקעט 4501 — מר. רעיד
	103 מאנטגאמערי סטרטי	ווייווערלי 4507 — ברוקס
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	76 מאנטגאמערי סטריט	מאנטגאמערי 2883 — ראזענבערג, שנייד.
לאנג ברענטש, נ. דזש.	114 בראדוויי	לאנג ברענטש 2040 — שנעיד
האקענסעק, נ. דזש.	7 מעין סטריט	האקענסאק 1499־ר—מר. דוראנדא
לאנג איילאנד סיטי, ל. א.	9 דזשעקסאן עוועניו	האנטערס פאינט 0068 — מיניע פאשקיל, שוב, ארעטצקי
		מערי אקאטשיא
פליינפיעלד, נ. דזש.		עליזאבעטה דזשאנסאן
ספרינג וואלי, נ. י.	ספרינג וואלע, נ. י.	מרס. בריטמאן
אדאמס, נ. י.	אדאמס, נ. י.	הערי מארין
קאלטשעסטער, קאנג.	באקס 226	אננא לאנארדיא
סטאמפארד, קאנג.	42 סטילוואטער סטריט	הילק־עסט 3796 — ל. מאגיא
מאונט ווערנאן, נ. י.	35 סאוט 4טע עוועניו	
ניו בראנזוויק, פארט עמבאי	340 דזשארדזש סטריט	מ. ק. קעיהט.

דזשייקאב האלפערין, מענעדזשער.

פרעסערס
פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעט־לאך צו פרעסען וועלוועט און בע־ליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צונעפעכטע לייד־ווענד אדער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונ־זער פעקטארי־דאקטאר פאר אומ־געזונד צו יוזען, דען דער גערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופא־רעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנ־סאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייוועגד,* וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינג־טאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די
אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס באארד קאמפאני
123 פינפטע עוועניו ניו יארק
טעלעפאן אשלאנד 2220.

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל סטימערס. טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג מאשינס — די בעסטע אין מארקעט.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
כוועטאטשני טשאי
זהייט לילי טהעע

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

היט אפ אייער וואקיישאן — ווייסט איהר ווי אזוי?

איצט איז די צייט, ווען יעדער איי-
נער, וואס קען זיך דאס נאר ערלויבען,
נעהמט וועקיישאן. מען פאהרט אוועק,
ווער אין די „בערג", ווער צום ברעג ים
און ווער אין אפענע קעמפס אויף דער
פרייער לופט.

עס פארשטעהט זיך אליין, אז אויב
איהר האט בדעה אפצורוהען זיך א פאר
וואכען, וועט ניט טויגען, אויב איהר וועט
גראד אויף אייער וועקיישאן זיך ערלוי-
בען אזעלכע אומפארזיכטיגקייטען, וואס
זאלען אייך שטעלען אין געפאהר. אויב
אזוי, איז דאך גלייכער, אז איהר זאלט
אינגאנצען ניט פאהרען אין ערגעץ נים.

אויף וועקיישאן דארף מען וויסען, ווי
אזוי זיך אויסצוהיטען פון אלערליי שעד-
ליכע זאכען. באזונדערס דארף מען זיך
קענען אפהיטען פון אלערליי קלענערע
פארוואונדונגען און אומגליקספאלען.

מען דארף וויסען, וואס צו טאן, אויב
מען ווערט פלוצלונג קראנק. אויב איהר
פלאנט א „קעמפינג טריפ" אין אן ארט,
וואס איז ווייט פון א דאקטאר, דארפט
איהר זיך פארזארגען מיט א „פוירסט עיד
קיט" און מיט עטליכע איינפאכע מיט-
לען.

א גוטער „פוירסט אייד קיט" דארף
האבען אין זיך איניגע נויטיגע זאכען.
זאלען די פאראינטערעסירטע לעזער זיך
אויסשרייבען די ליסט פון די נויטיגע
ארטיקלען און שטאפען. אט זיינען זיי:

צוויי גאוז בענדעדזשעס צוויי מיט
א האלב אינטשעס ברייט.
צוויי קאטאן בענדעדזשעס דריי אינ-
טשעס ברייט.
איין ראל ארהעזיוו פלאסטער איין
אינטש ברייט.
איין טוב סייפטי פינס.
צוויי אונץ אבזארבענט קאטאן.
איין יארד איינפאכע סטעריליזירטע
גאוז.
צוויי אונץ טינקטשור או אייאדין.
איין טוב קאמפאונד קאטהארטיק
פילס.
צוויי אונץ בייקארבאנייט או סאדא.
איין דראכם פערמאנגאנייט או פא-
טאש.
פיר אונץ קאסטאר אויל.
איין קליניקשען טערמאמעטער.
איין האט וואטער בעג.

ווען עמיצער אויף וועקיישאן ווערט
פלוצלונג קראנק, דארף מען איהם באלד
אוועקלעגען אין בעט. אויב זיין צו-
שטאנד איז אן ערנסטער, דארף מען תיכף
רופען א דאקטאר.

שמערצען קען מען פארלייכטערען,
ווען מען לעגט צו הייסע קאמפרעסען.
אין פאל פון קאפוועהטאגען איז גוט צו-
צולעגען א טיכעל, וואס מען האט איינ-
געטונקט אין קאלטען וואסער און אויס-
געדרעהט. דאס טיכעל דארף מען אבער
אפט בייטען.

מען דארף אבער געדענקען, אז קאפ-
וועהטאגען זיינען נאר א סימפטאם פון
אן ערנסטער קראנקהייט אין סיסטעם.

ווען מען בייט זעהר אפט דאס וואַ-
סער, קען דאס פאראורזאכען אומארד-
נונגען אין די געדערים און דייעריע. אין
אלע פאלען פון דייעריע איז נויטיג, אז
דער פאציענט זאל אינגאנצען אויפהערען
צו עסען און זאל טרינקען גענוג וואסער.
אפטמאל קען מען געזונט ווערען, ווען
מען פאסט א מעת לעת.

אויב עמיצער מיט אייך אויף אייער
וועקיישאן ווערט קראנק און באקומט פי-
בער, דארפט איהר באלד רופען א דאק-
טאר, ווען איהר זעהט אז דער פיבער
האט אנגעהאלטען מעהר ווי א טאג. אין
אלע אזעלכע פאלען איז דאס בעסטע צו
האלטען דעם קראנקען באזונדער, ווייל
אנדערע קענען נאך זיך אננעהמען די
קראנקהייט.

ווען איהר קלייבט זיך צו קעמפען אין
אפענעם פעלד, דארפט איהר זעהן אויס-
קלייבען אן ארט פאר אייער קעמפ אויפ'ן
שפיץ פון א ניט-הויכען בערגעל מיט ניט
משופע'דיגע זייטען. אויב מעגליך,
קלייבט אויס א פלאץ, וואו די ערד איז
א געמיש פון זאמד און שטיינדלאך.
אזא ערד וועט זיכער און שנעל איינזא-
פען אין זיך יעדע פייכטקייט. עס איז
זעהר ווינשענסווערט, אז עס זאלען זיך
ארום קעמפ געפינען ביימער, אבער די
קוסטעס דארף מען אפרייניגען ארום
קעמפ, ווייל זיי זיינען אפטמאל נעסטען
פאר מאסקיטאס.

קענוועס טענטס זיינען די בעסטע
פאר א קעמפינג פארטי. איהר דארפט
מיט זיך מיטנעהמען גענוג שטאף פאר
טענטס, אז יעדע פערזאן זאל האבען פאר
זיך צוואנציג סקוועער פוס שטח. איהר
דארפט מאכען א גראבען ארום און ארום
דעם טענט, כדי עס זאל ארויסגעהן יעדער
וואסער, ווייל אניט וועט דאס וואסער
זיין אונטער'ן דיל פון דעם טענט און
[illegible] דעם פלאץ.

אויב איהר רעכענט צו פארבלייבען
אויף אן אויסגעקליבענעם ארט א לענ-
גערע צייט, אדער אויב איהר דינגט
אייער קעמפ, איז וויכטיג, אז דער ארט
פון דעם קעמפ זאל האבען א הילצערנעם
דיל, וואס זאל זיין א פאר אינטשעס
איבער דער ערד. וואו נאר עס איז מעג-
ליך, זאלט איהר בעסער אויסקלייבען א
קעמפ מיט א הילצערנעם דיל.

איהר דארפט זיך זעהר שטארק היי-
טען פאר די פארשיידענע אינזעקטען.
וואס ווייטער אייער קעמפ איז פון א
מענשליכען ישוב, סטייבעלס, שטאלען,
אלץ פרייער וועט ער זיין פון פליגען.
ווען דער באדען איז גענוג הויך און איז
טרוקען, און עס איז ארום ניטא קיין
שטעהענדיג וואסער, וועט אזא ארט זיין
צימליך פריי פון מאסקיטאס. אויב דער
פלאץ ארום איז ניט פריי פון מאסקי-
טאס, דארף מען באנוצען קאטאן מאס-
קיטא בארס.

א ריינע וואסערלייטונג איז אבסאלוט
נויטיג, אויב איהר ווילט ווירקליך האבען
נוצען פון אייער קעמפען אין דער אפע-
נער לופט. אויב איהר זייט ניט זיכער,
אז די וואסערלייטונג איז אבסאלוט ריין,
זאלט איהר בעסער ניט ריזיקירען. כדי צו
באווארענען זיך פולשטענדיג, קאכט יע-
דען וואסער, וואס ווערט באנוצט פאר
טרינקען.

אויב אייער קעמפ קאלאניע האט א
טענט פאר א קיך און א טענט פאר אן עס
צימער, דארפט איהר זעהן, אז אט די
טענטס זאלען זיין באשיצט מיט סקרינס.
געפעס דארף מען אלע מאל וואשען אין
קאכענדיגען וואסער. יעדער גארבידזש
דארף ארייגעלגט ווערען אין פארמאכ-
טע קאנען און שנעל אוועקגענומען ווע-
רען. דאס זעלביגע דארף געטאן ווערען
מיט יעדען אנדערען אפפאל.

דער בעסטער מיטעל ווי צו פארניכ-
טען דעם אפפאל, איז צו פארברענען
איהם. דאס קאן זעהר לייכט געטאן ווע-
רען אזוי: מען גראבט אויס א גאנץ
טיפען גראבען, מען לעגט אוועק אויפ'ן
דעק א סך פעלד שטיינער און מען צו-
לעגט אויף די שטיינער א פייער. וואו
דאס פייער האט זיך גוט פאנאנדערגע-
ברענט, ניסט מען אריין אלץ, גאנץ מען
דארף פארברענען.

ווען מ'דארף מעהר אזעלכע גראבענס
ניט האבען, זאל מען זיי פארשיטען מיט
ערד. מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג און
ניט מאכען גראבענס אין אזעלכע ערטער,
אז עס זאל זיין א געפאהר, אז מען וועט
דערמיט פארשמוצען דאס וואסער ארום
דעם זומפ. איהר דארפט געדענקען, אז
געהעריג פארניכטען דעם אפפאל איז
זעהר וויכטיג, אז עס איז זעהר וויכטיג
פאר אייך גופא, כדי איהר זאלט ניט
פארשמוצען די וואסערלייטונג פון אייער
קעמפ, און פונקט אזוי וויכטיג פאר די
מענשען, וואס וועלען אפשר קעמפען אויף
דעם זעלביגען ארט נאך אייך. עס איז
אייער חוב צו די, וואס וועלען קומען נאך
אייך אויף אייער קעמפינג פעלד, אז די
וואסערלייטונג זאל געהאלטען ווערען
פריי פון שמוץ.

דאס זיינען אין קורצען, אלגעמיינע
כללים פון קעמפ סאניטאציע. איצט מוז
מען זאגען א פאר ווערטער וועגען לייכ-
טע פארוואונדונגען, ווייל אזעלכע זאכען
טרעפען אזוי אפט, ווען מען קעמפט אין
פעלד. אויב מען האט זיך לייכט אפגע-
קלאפט, דארף מען, נאטירליך, גאר קיין
באהאנדלונג ניט האבען. אויב אבער דער
קלאפ איז א שווערער, דארף מען צולעגען
א קאלטע וואסער קאמפרעס.

דער איינפאכסטער וועג ווי צו מאכען
א קאלטע וואסער קאמפרעס איז צו נע-
מען ריינעם מוסלין, לייווענט אדער אן
אנדער מאטעריאל אזעלכען און צונויפ-
לעגען עס פון זעקס ביז צעהן מאל. מען
קאן אויך נעמען א טוירקיש טאול אין
צווייען צונויפגעלעגט. די דרעסינג דארף
זיין גענוג גרויס צו פארדעקען דעם פאר-
וואונדעטע פלאץ און ס'זאל נאך ארי-
בערגעהן א פאר אינטשעס, און זי דארף
זיין גענוג דיק אויפצוהאלטען די פייכט-
קייט פאר א געוויסער צייט.

מען דארף די דרעסינג אויסדרעהען
אין קאלטען וואסער און ארויפלעגען אויף
דעם ארט פון דער וואונד אדער דעם
קלאפ. עפעס דארף פארדעקען די דרע-
סינג, כדי זי זאל ניט טרוקען ווערען און
כדי צו באשיצען די זאכען. מען קאן
פאר דעם צוועק באנוצען אויל פייפער.
לעגט ארויף דעם פאפיר פון אויבען אויף
דעם קאמפרעס און באפעסטיגט דאס אלץ
מיט א באנדאזש.

אזעלכע קאמפרעסען קאן מען לעגען
אזוי א דריי-פיער טעג. די קאמפרעסען
דארפען אבער אלע מאל זיין נאס. אויב
די הויט איז צוריסען, זאל מען קיין נאסע
קאמפרעסען ניט באנוצען.

(פ. ל. ס.)

באריכט פון דער ארבייטער-באנק אין פאלעסטינא (בנק הפועלים למט.)

די טעג איז ערהאלטען געווארען אין
אמעריקא דער „דין וחשבון", וועלכער
דער דירעקטאריום פון דער ארבייטער
באנק האט פארעפענטליכט פון דעם
יאהר 1923. דער באריכט איז העכסט
אינטערעסאנט און מיר וועלען איהם
בקיצור איבערגעבען פאר אונזערע לעזער.

דער באנק איז אויסגעקומען אין דעם
פארגאנגענעם יאהר צו ארבייטען אונ-
טער די שווערסטע באדינגונגען. צוליב
דער אלגעמיינער ארבייטסלאזיגקייט אין
לאנד, איז די ארבייטער ארגאניזאציע,
וועמעס אויפגאבע עס איז געווען צו
שאפען ארבייט פאר טויזענטער ארביי-
טער, געצוואונגען געווען צו נעמען אר-
בייט אפילו אונטער די שווערסטע בא-
דינגונגען. די דערמאנטע באדינגונגען
האבען אוועקגעשטעלט דער באנק אין א
באזונדער לאגע. פון איין זייט איז געווען
איהר עלעמענטארסטער חוב צו באפרי-
דיגען די קרעדיט באדערפענישען פון די
ארבייטער אנשטאלטען, פון דער צווי-
טער זייט, איז גראדע צוליב דעם שווע-
רען עקאנאמישען קריזיס נויטיג געווען
א באזונדערע פארזיכטיגקייט ביים גע-
בען קרעדיט. די באנק האט, דעריבער,
געגעבען קרעדיטען אויף גוטע גאראנטיען
און הויפטזעכליך פאר אזעלכע ארביי-
טען וועלכע ערמעגליכען א שנעלער צוריק
צאהלונג פון די געבארגטע געלט. אויף
אזא אופן זיינען די געלדער געווען אין
שטענדיגער באוועגונג און געמאכט איי-
ניגע אומזאצען אין משך פון יאהר. די
ריכטיגע אפשאצונג פון דער פיהרונג פון
דער באנק און פון די באציהונגען פון די
ארבייטער אינסטיטוציעס קומט אם
בעסטען צום אויסדרוק אין דער אויסער-
געוויינליכער פינקטליכקייט מיט וועלכער
די קליענטען האבען ביז איצט ערפילט
זייערע פארפליכטונגען.

זעהר פיל האט די באנק געהאלפען
מיט איהרע קרעדיטען די פארשידענע
אינסטיטוציעס פון דער ארבייטער אר-
גאניזאציע, ווי דער קראנקען קאסע, ליי-
קאסע פאר ארבייטסלאזע, קולטור קאמי-
סיע, א. אז. וו. די ערשטע פלאץ ביים
פארטיילען די קרעדיטען האט דעם מאל
פארנומען די לאנד ווירטשאפטליכע אונ-
טערנעמונגען, דער אמט פאר עפענטליכע
ארבייטען, און דער „המשביר". ניט קו-
קענדיג אויף דעם וואס די באנק האט
אויפגעטאן, וואלט זי געקאנט מאכען דא-
פעלטע אפעראציעס, ווען זי וואלט גע-
האט פארגרעסערטע געלט מיטלען.

פון די ציפערען אין רעפארט נעמען
מיר ארויס די פאלגענדע פונקטען: די
באנק האט אין יאהר 1923 פאנאנדער-
געטיילט 1070 הלואות פאר דער סומע
פון איבער 240,000 פונט. דער ריינער
ריוח פון דער באנק פאר דעם יאהר 1923
באטרעפט 2,100 פונט. און דער דירעק-
טאריום האט צום לעצטען יעהרליכען
מיטינג באשטימט, אז פון דיזען פרא-
פיט זאל 500 פונט איבערגעגעבען ווע-
רען פאר די אינסטיטוציעס פון דער
„הסתדרות", 23 פונט פאר דעם נאצ.
פאנד און 1,665 פונט פארבלייבט אלס
רעזערוו אין דער באנק גופא.

אין משך פון די יאהרען 1922 —
1923 זיינען פארקויפט געווארען 23,921
אקציעס. דערפון זיינען שוין איינגעצאלט
געווארען אין באנק 18,305,707 פינט.
אין דיזער ליסטע פון די איינגעצאהלטע
געלדער פארנעמט אמעריקא דעם ער-
שטען פלאץ מיט איהרע איינגעצאהלטע
8,828 פונט, וואס דאס מאכט אויס אי-
בער 46 פראצענט. דעם צווייטען פלאץ
פארנעמט ארץ ישראל מיט 5,393 פונט,
און די איבעריגע סומען זיינען פאנאנדער-
געטיילט צווישען די לענדער אין איי-
ראפא. דיזע סומע פון אמעריקא איז
בלויז ביז יאנואר, 1924, דאס שליסט
ניט איין די סומע פון 7,502.66 דאלאר
וועלכע איז אפגעשיקט געווארען צו דער
ארבייטער באנק ביז היינטיגען טאג.

צוליב דעם מאנגעל וועלכער פיהלט
זיך אין אקציעס, האט די אלגעמיינע
פארזאמלונג פון דער באנק, דעם 13טען
ניסן, באשלאסען צו פארגרעסערען דעם
קאפיטאל פון דער באנק אויף 100,000
עגיפטישע פונט און ארויסלאזען פאר
דער סומע נייע אקציעס.

דער אפיס פון דער ארבייטער באנק
אין אמעריקא איז 13 סעקאנד עוו. און
דער פרייז פאר אן אקציע איצטער איז
5.50 דאל.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויס-
קינפטע וועגען פארמערייי און ווי זיך אויס-
צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט
אייער פארם.

ניט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בעראט
זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי.
שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5.
זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
[illegible] E. 14th St. New York City

ניט אלע מאל

לאזט אונז אייער סעקרעטער וויסען דאס איהר האט גע-
ביטען אייער אדרעס, און אויב איהר ערהאלט ניט די
„גערעכטיגקייט" איז דאס דורכאויס ניט אונזער שולד.

מיר בעטען דעריבער יעדען מעמבער דאס אין פאל
איהר קריגט ניט די ציטונג רעגעלמעסיג, אויסצופילען די
פאלגענדע פאר שורות און דאס שיקען צו:

Publication Department I. L. G. W. U.
3 West 16th Street. New York City

אייער נאמען — — — — — — — — — —

אייער נייער אדרעס — — — — — — — —

אייער לאקאל נומער — — — — און לעדזשער נומער — — —

קלאוק פינישערס
לאקאל 9, א. ל. ג. וו. יוניאן

די מיטגלידער זיינען געבעטען צו נעמען אין אכט, אז דער
אפיס פון אונזער יוניאן וועט פון מאנטאג, דעם 28טען
דזשולי, זיך געפינען אין אונזער נייער היים,

67-69 לעקסינגטאן עוועניו

צווישען 25טע און 26טע סטריט.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9, א. ל. ג. וו. י.

ל. היימאן, מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אָן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. VI. No. 32. New York, Friday, August 8. 1924 פרייטאָג, 8טען אויגוסט, 1924 PRICE 3 CENTS

רעאָרגאַניזיישאַן סטרייק א[illegible] קלאָוק אינדוסטריע אַזוי ג[illegible] געענדיגט

איינינע גרויסע און קלענערע אינדעפּענדענט שעפּער בלייבען וו[illegible] וועט ניט מאַכען קיינע סעטעלמענטס מיט שעפּער וואָס קאָנ[illegible]ט נאָכקומען די יוניאָן סטאַנדאַרדס. — פּיקעט־קאָמיטע נעהמט זיך צו דער ארבייט נאָך מיט מעהר ענערגיע ווי ביז איצט. — פּרעזידענט זיגמאַן ווערט ערוועהלט אין דער אינשורענס־קאָמיטע פון אַרבייטסלאָזען בענעפיט פאָנד. — צו די קלאָוקמאַכער פון די געסעטעלטע שעפּער.

די הויפּט ארבייט אין דעם גרויסען רעאָרגאַניזיישאַן גענעראַל־סטרייק אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון ניו יאָרק, דורך וועלכען עס איז באַצוועקט געוואָרען אויסצושטעלען די אינדוסטריע אויף א פעסטערען און געזינטערען באָדען, איז שוין אָפּגעטאָן, און דער סטרייק איז שוין אַזוי גוט ווי געענדיגט. די הויפּט ארבייט וואָס איז נאָך פאַרבליבען צו טאָן, איז איינצושטעלען די נייע דעפּאַרטמענטס וואָס דער אַגרימענט שרייבט פאָר און איינצואָרדענען די נויטיגע און די ריכטיגע מאַשינערי, וואָס זאָל גוט אויספּאַסען, אַז דער אַגרימענט זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען.

די גרויסע צאָהל וואָס מען רופט „לעדזשיטימיטיט שאַפּס", זיינען שוין געסעטעלט און די בעלי מלאכות זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט, כאָטש עס איז איצטער דאָ גאַנץ ווייניג ארבייט אין די שעפּער. דער סיזאָן האָט זיך נאָך ניט אָנגעפאַנגען. מען ערוואַרט אָבער עס זאָל איינגיכען ווערען ביזי, דער עולם זאָל קאָנען פאַרדינען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע

מאָנטאַג אָוונט איז אין דער קאָונסיל רום פון אונזער אינטערנעשאָנאַל בילדינג אָפּגעהאַלטען געוואָרען א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע. דער מיטינג איז געוועזען אונטער'ן [illegible]אָרזיץ פון פּרעזידענט זיגמאַן. ער האָט אויפגעפאָדערט די טשערלייט פון די אַלע אָפּטיילונגען פון דער סטרייק קאָמיטע צו באַריכטען וואו עס האַלט און פון זייערע באַריכטען האָט זיך באַקומען א פולשטענדיג בילד, ווי עס האַלט מיט דער איבערבויאונגס־ארבייט אין דער קלאָוק אינדוסטריע.

וויס־פּרעזידענט י. פיינבערג, דער טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע האָט באַריכטעט וועגען די אַלע סעטעלמענטס וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ביז מאָנטאַג. עס זיינען אָפּגעסעטעלט

(שלוס אויף זייט 2)

וויס־פּרעז. פאַניא מ. קאָהן אָפּגעפאָהרען קיין יוראָפּ

שוועסטער פאַניא מ. קאָהן, די עקזעקוטיוו סעקרעטערי פון דער אינטערנעשאָנאַל עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט, איז מיטוואָך אין דער פריה, דעם 6טען אויגוסט, אָפּגעפאָהרען פאַר א קורצער רייזע אין אייראָפּא. זי איז אָפּגעפאָהרען מיט דער שיף „אקוויטאַניא".

שוועסטער פאַניא קאָהן איז געשיקט געוואָרען אַלס פאָרשטעהער פון דער „וואָרקערס עדיוקיישאָן ביוראָ אָוו אַמעריקא" צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן וועגען ארבייטער־בילדונג, וואָס וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין אָקספאָרד, ענגלאַנד. די קאָנווענשאָן וועט זיך עפענען דעם 15טען אויגוסט, אין דער בילדינג פון דעם באַריהמטען ראַסקין קאָלעדזש פון אָקספאָרד. די קאָנווענשאָן וועט געעפענט ווערען פון ראַמזיי מאַקדאָנאַלד, דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד. אויף דער קאָנווענשאָן וועלען זיין פאָרטרעטער פון די אַלע פאַרשידענע ארבייטער בילדינג־אינסטיטוציעס און ארבייטער־קאָלעדזשעס פון אייראָפּא און אַמעריקא.

אין מאָנאַט אויגוסט, 1922, איז אין בריסעל, בעלגיום, אָפּגעהאַלטען געוואָרען א פּרעלימינערי קאָנפערענץ פון דעם זעלבען כאַראַקטער און אויף יענעם קאָנפערענץ איז באַשלאָסען געוואָרען, דאָס דעם יאָהר זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען א פאָרמאַלע קאָנווענשאָן פון פאָרטרעטערשאַפטען פון ארבייטער בילדינג־אינסטיטוציעס פון אייראָפּא און אַמעריקא.

די „וואָרקערס עדיוקיישאָן ביוראָ אָוו אַמעריקא", די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זיינען פאָרטראָטען אַלע ארבייטער בילדינג־אינסטיטוציעס פון אַמעריקא, וועט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן זיין פאָרטראָטען דורך צוויי דעלעגאַטען, דורך ספּענסער מילער, דער סעקרעטער פון די „וואָרקערס עדיוקיישאָן ביוראָ", און דורך שוועסטער פאַ־

(שלוס אויף זייט 2).

דר. הענרי מאָסקאָוויטש דירעקטאָר פון סאַניטאַרי יוניאָן לייבעל דעפּאַרטמענט

איינער פון די פונקטען אין דעם נייעם אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים אין קלאָוק טרייד שרייבט פאָר, צו עטאַבלירען א סאַניטאַרי יוניאָן לייבעל, וואָס זאָל זיך געפינען אויף אַלע גאַרמענטס, וואָס ווערען געמאַכט אין אַלע יוניאָן שעפּער. גלייך נאָכ'ן סעטלמענט איז אַפּאינטעט געוואָרען א לייבעל־קאָמיטע, אין וועלכער עס זיינען אריין פאָרטרעטער פון די אַלע צדדים וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט און מען האָט זיך גענומען צו דער ארבייט צו עטאַבלירען א לייבעל דעפּאַרטמענט, וואָס זאָל האָבען דעם לייבעל אונטער זיין קאָנטראָל.

דעם דינסטאַג האָט די לייבעל־קאָמיטע אָפּגעהאַלטען נאָך א מיטינג, און אויף דעם מיטינג האָבען אַלע צדדים זיך געאיינינגט דאָס דער באַוואוסטער כלל־טוער, דר. הענרי מאָסקאָוויטש, זאָל זיין דער דירעקטאָר פון דעם סאַניטאַרי יוניאָן לייבעל דעפּאַרטמענט.

צו די מיטגלידער פון אונזער יוניאָן

(שלוס אויף זייט 2).

סעקרעטאַר באַראָף אין באָסטאָן אנטייל צו נעמען אין די קאָנפערענצען מיט די באַלעבאַטים

ברודער אַב. באַראָף, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, איז דינסטאַג אָפּגעפאָהרען אין באָסטאָן, אנטייל צו נעמען אין די קאָנפערענצען וואָס ווערען איצט אָפּגעהאַלטען צווישען די קלאָוקמאַכער יוניאָן און די באַלעבאַטים, וועגען באַנייען דעם טרייד־אַגרימענט, וועלכער איז אויסגעגאַנגען דעם 1טען דזשולייי.

ווען דער אַגרימענט איז אויסגעגאַנגען, האָבען ביידע צדדים זיך ניט געאיילט צו מאַכען א פאַרזוך זיך צונויפצוקומען רעדען וועגען א נייעם אַגרימענט. עס איז דעמאָלט געווען ערב א גענעראַל סטרייק אין דער קלאָוק אינדוסטריע אין ניו יאָרק, און אַזוי ווי ניו יאָרק איז די טאָן־געבערין פאַר די קלאָוק־מאַרקעטס פון דער פּראָווינץ, האָבען זיי אַפריהער געוואָלט זעהן, וואָס עס וועט זיין דער אויסגאַנג אין דעם ניו יאָרקער קלאָוק־מאַרקעט. איצט אָבער, ווען אין ניו יאָרק איז דער סכסוך שוין געסעטעלט, האָט דער דזשאָינט באָאַרד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין באָסטאָן אויפגעפאָדערט די דזשאָבבערס, און די קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאַיישאָנס צו א קאָנפערענץ, איינצושטעלען אַן אַגרימענט אין טרייד.

דעם 21טען און דעם [illegible]טען דזשולייי

(שלוס אויף זייט 2).

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 32.

זייט 2. פאַרשיידענע נייעס פון לעבען אין אונזער יוניאָן.
זייט 3. דער טרויעריגער צושטאַנד פון די קלאָוקמאַכער אין טאָלידאָ — מ. הענפאַרד.
זייט 4. א קורס איבער די טאַקטיק און די פּאָליסיס פון טרייד יוניאָניזם — דייוויד י. סאַפּאָס.
זייט 5. וויכטיגע פּאַסירונגען אין לעבען פון אונזער יוניאָן אין דער נאָהענטער וועסט. פאַרשיידענעס.
זייט 6. טרייד און אָרגאַניזאַציאָנס פּראָבלעמען. אינטערנעשאָנאַל קאַלענדאַר — ה. סקולמאַן.
זייט 7. דאָס אָפּפאָהרען — י. ד. שיניאַק. זאַכען וואָס איז גוט צו וויסען.
זייט 8. עדיטאָריעלע נאָטיצען.
זייט 9. ווי אַזוי די קאָמוניסטען האָבען געשפּאָלטען דעם פאַראיין פון באַקליידונגס־אינדוסטריע ארבייטער אין פוילען — דוד מייער. עלעגיע — נחום י.
זייט 10. נאָך אַלץ אויף קעסט — א. זעלדין. קורץ און שאַרף — י. ב. ג.
זייט 11. דאָס אידיאַלע לעבען אין דער יוניטי הויז אין פאָרעסט פּאַרק — ל. פינקעלשטיין. דאָס שווערסטע זאָל לעבען (פעליעטאָן) — דער לעבעדיגער.
זייט 12. די ארבייטער באַוועגונג אין די [illegible] לענדער — א. רעוואָרצקי. די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־באַוועגונג.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. שלוסען און אַדווערטייזמענטס.
זייט 16. א. פ. און ל. [illegible]

דער אינטערנעשאָנאַל אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין אין קענעדע ענערגיש פאָרטגעזעצט

אָרגאַנייזער האַכמאַן שטעלט ארויף דעם „סוועט שאָפּ" אויפ'ן טאָג־אָרדנונג פון דער קענעדער פּרעסע. — קאָמישאָנער אָוו העלטה באַשטעטיגט דער יוניאָנס קלאַגען.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" ווייסען שוין, האָט פּרעזידענט זיגמאַן אַפּוינטעט ברודער י. האַכמאַן, דער מענעדזשער פון געוועזענעם וועיסט און דרעסמאַכער דזשאָינט באָאַרד פון ניו יאָרק, אַלס אינטערנעשאָנאַל אָרגאַנייזער, און זיין ערשטען אויפטריט האָט ער געמאַכט אין קענעדע. אין טאָראָנטאָ זיינען געווען א פּאָר קלאָוק־שעפּער אין סטרייק און די יוניאָן פון יענער שטאָדט האָט פאַרלאַנגט, אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל שיקען אַהין א אָרגאַנייזער צו העלפען דער יוניאָן אין דער ארבייט.

אָבער ברודער האַכמאַן האָט זיך דערביי אַליין ניט אָפּגעשטעלט. אַנקומענדיג אין קענעדע, האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט, צווישען די ארבייטער אין דער לײדיס גאַרמענט אינדוסטריע אין טאָראָנטאָ און אין מאָנטרעאַל, און ער האָט מיט דער ארבייט געמאַכט א טיפען רושם אין די צוויי דערמאָנטע שטעדט. ער האָט איינגערופען איינינע מאַס־מיטינגען אין טאָראָנטאָ און אין מאָנטרעאַל, וועלכע זיינען געווען גוט באַזוכט, און די ארבייטער, קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער, האָבען זיך גענומען אָנשליסען צו דער יוניאָן. עס האָט זיך, אַזוי נאָך, אין קענעדע ווידער אָנגעפאַנגען דער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין, וואָס אונזער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן האָט דאָרט אָנגעפיהרט זייט די לעצטע עטליכע יאָהר און דער קאַמפּיין ווערט איצטער גאַנץ ענערגיש פאָרטגעזעצט.

א חוץ די מאַס־מיטינגען וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין טאָראָנטאָ און אין מאָנטרעאַל, האָט ברודער האַכמאַן דאָרט אויך אַדרעסירט די יוניאָן־מיטינגען, פון קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָאַרד און פון די לאָקאַלס, און ער האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגען, א האַרץ צו א האַרץ געשפּרעך מיט די טעטיגע מיטגלידער און מיט די באַאַמטע פון דער יוניאָן וואָס האָט אריינגעבראַכט א ניי

(שלוס אויף זייט 2).

די „ווילנער" און מיס דאַרשאַ אַמוזירען די געסט פון דער יוניטי הויז

אין דער יוניטי הויז פון אונזערע ווייסט און דרעסמאַכער אין פאָרעסט פּאַרק, אויף די „בלויע" בערג פון פּענסילווייניא, איז באמת לעבעדיג און פרעהליך. עס איז דאָרט פאַראַן א גרויסער עולם און מען פאַרברענגט דאָרט די צייט אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן פיזיש און גייסטיג.

יעדען אָוונט ווערט געגעבען א באַזונדער אונטערהאַלטונג און דער עולם אַמוזירט זיך זעהר גוט.

לעצטען שבת און זונטאָג איז אין דער יוניטי הויז געווען א טייל פון דער באַוואוסטער ווילנער טרופּע און זיי האָבען גאָר אויף א פיינעם שטייגער אונטערהאַלטען דעם גרויסען עולם.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי די „ווילנער" זיינען געקומען אַהין.

מיט א וואָך צוריק איז די יוניטי הויז באַזוכט געוואָרען פון מר. עדווין א. רעלקין, דער באַוואוסטער מענעדזשער פון

(שלוס אויף זייט 5).

דיסטריקט קאונסיל פון די פארשיידענע לאקאלס אין ניו יארק ארבייט מיט „פול סטים“

(שלוס פון זייט 1).

שטעהט פון איין דעלעגאט פון יעדען לא־קאל.

סיי דער גאנצער דיסטריקט קאונסיל און סיי דער באארד אוו דירעקטארס מיטען א וואך איבער א וואך, און ארבייט איז שוין דא לרוב. אזוי דארף פאר די לאקאלס 6, 66, 41 און 182 איינגעפיהרט ווערען א לייבעל, וועלכער איז אומבאדינגט נויטיג פאר די לאקאלס. דער לייבעל איז שוין פארטיג, ער דארף אבער איינגעפיהרט ווערען, אריינגע־בראכט ווערען אין די שעפער. דערצו איז נויטיג א גענענזייטיגע פארשטענד־ניס צווישען דעם דיסטריקט קאונסיל און די פארשיידענע מאנופעקטשורערס אין די טריידס. און די טעג ווערען שוין אפגעהאלטען ווערען קאנפערענצען, און ווי ווייס־פרעזידענט לעפקאוויטש טיילט אונז מיט, ערווארטעט ער ניט קיינע שוועריגקייטען, און שוין אין די קומענדע טעג וועט דער לייבעל פאר די טריידס זיין א ווירקליכקייט, וועלכער וועט זיין פון גרויסען נוצען פאר די דערמאנטע טריידס.

דאס איז איין פאל, אין וועלכען דער דיסטריקט קאונסיל האט שוין ארויסגעוויזען זיין ניצליכקייט און וויכטיגקייט. ווא־רים עס איז זיכער, אז יעדער לאקאל באזונדער וואלט ניט געקענט אויסווירקען די איינפיהרונג פון דעם לייבעל.

אבער דאס איז די ארבייט, וואס דער טאג ברענגט מיט; פאראן אבער אן ארבייט, וואס ווערט פארבארייטעט פאר די צוקונפט, און וואס וועט אונזער אינטער־נעשאנאל ברענגען גאנץ נייע כחות.

מיר ריידען דא פון דעם ארגאניזיי־שאן־קאמפיין, וואס ווערט געפלאנעוועט. עס איז א פאקט, דאס אלע די דערמאנטע לאקאלס, וואס בילדען מיט זיך דעם דיס־טריקט קאונסיל, רעפרעזענטירען מיט זיך בלויז א קליינעם טייל פון די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין די פארשיי־דענע טריידס. די גרעסטע מאיאריטעט ארבייטער זיינען נאך ניט ארגאניזירט, און שטעהען אוועק פון דער יוניאן. און עס איז ניטא קיין אורזאכע, ווארום די ארבייטער זאלען בלייבען אונארגאניזירט. דער אפהאלט ביז איצט איז געווען, וואס יעדער באזונדערער לאקאל איז געווען מאכטלאז עפעס אויפצוטאן אויף דעם געביט. דאס איז ניט געווען פאר די כחות פון איין לאקאל. ערשט מיט דעם אויפבויען פון דעם דיסטריקט קאונסיל ענדערט זיך אין גאנצען די לאגע, און עס ווערט געפלאנעוועט נאר א גרויסער קעמ־פיין פון נעקסטען סעפטעמבער ביז נעק־סטען אפריל פאר די ארגאניזירונג פון די טויזענדע און טויזענדע ארבייטער, וואס זיינען נאר אויסענגעבליבען פון דער יוניאן־טעטיגקייט, ווייל מען האט ביז איצט ניט געהאט די כחות צוצוקומען צו זיי.

ווענען דעם פלאן פון דעם קעמפיין וועלען מיר באריכטען אן אנדערס מאל. דא זאל נאר געזאגט ווערען, אז דערווייל איז עס נאך אלץ די אינטערנעשאנאל, וואס וועט מוזען באזארגען די נויטיגע מיטלען. דער דיסטריקט קאונסיל איז נאך אזוי יונג, און ער האט נאך ניט דעם איינגענעם כח פאר די נויטיגע ארבייט. מען דארף האבען אין זינען, אז דערווייל איז דער פער־קאפיטא טעקס פון יעדען מעמבער פון יעדען לאקאל א סענט א וואך. דאס איז קוים גענוג פאר די לויפענדע עקספענסעס פון דעם דיסטריקט קאונסיל. נאטירליך וועט די אינטערנע־שאנאל מוזען פאר דער צייט צושטעלען די נויטיגע מיטלען. אבער דער דיסט־ריקט קאונסיל ווערט שטארקער פון טאג צו טאג. באלד, באלד און ער וועט קע־נען שטעהן אויף זיינע אייגענע פיס, און אליין מיט זיינע אייגענע כחות פארט־זעצען די גרויסע ארבייט פון ארגאניזי־רען די ניט ארגאניזירטע, און דורך דעם אליין ווערען אלץ שטארקער און שטאר־קער, ביז די פארשיידענע טריידס וועלען ווערען א מאכט, וואס וועט זיך פאר־העלטניסמעסיג קענען פארגלייכען מיט דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמא־כער־יוניאנס.

באלדיגע פארהאנדלונגען וועגען נייעם אגרימענט אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין שיקאגא

ווי אין אלע אנדערע קלאוק צענטערס, וועט אויך שיקאגא מוזען באלד דורכמאכען דיזעלבע פראצעדורע פון רעארגאניזירן די גאנצע קלאוק־אינדוסטריע. ווארים אויך דארט ליידען די קלאוקמאכער פון די זעלבע איבלען, ווי אין ניו יארק, פילא־דעלפיא, באסטאן און אנדערע שטעדט. צו די רעארגאניזיישאן וועט פארקומען פרידליך, צו ניט, ווענען דעם איז נאך צו פריה צו זאגען נביאות. מעהר פון אלץ וועט זיך עס ווענדען אן די שיקא־גאער באסעס, דזשאבערס, מאנופעקטשו־רערס און סאב־מאנופעקטשורערס. ווע־לען זיי איינזעהן די אונפארמיידליכקייט פון דער ענדערונג, און וועלען זיך אונ־טערווארפען דער אונפארמיידליכקייט מיט גוטען, וועט דער סעטעלמענט געוויס זיין א העכסט־פרידליכער. און ווען ניט, וועט דאך די יוניאן קיין אנדער ברירה ניט האבען, ווי צו קעמפען, און די יוניאן איז פארבארייט אויף אלע פעלע. דער דזשאינט באארד אין שיקאגא איז צו־געגרייט מיט אלעם נויטיגען, אבער מעהר פון אלץ האט ער זיך ערווארבען די פריינדשאפט פון דער גאנצער ארביי־טערשאפט און פון אלע עהרליכע און דענ־קענדע מענשען אין שיקאגא דורך זיין מיטקעמפען מיט די דרעס־מאכער. דאס איז געווים א גרויסער אינוועסטמענט, פיל מעהר, ווי דאלארס, אבער אפילו קאפיטאל פעהלט ניט. און אויב די באסעס האבען דעם געדאנק, אז דער דזשאינט באארד איז פאראָרימט געווא־רען דורך דער צייט פון דרעסמאכער־סטרייק, און דערפאר קאנען זיי וואגען א פייט מיט איהם, קענען מיר זיי פארזיכערען, אז זיי מאכען א גרויסען מיסטייק.

דערווייל אבער געהט דער דזשאינט באארד אין שיקאגא אן מיט זיין גע־וועהנליכער יוניאן־ארבייט. לעצטע וואך זיינען אינסטאלירט געווארען די נייע אפיסערס, וועלכע ניט אכטענדיג אויף די שטורמדיגע צייטען, וואס מען מעג ער־ווארטען, האבען פון דעסטוועגען מיט ליבע און דאנקבארקייט צו דער מעמבער־שיפ אנגענומען זייערע עמטער און צו־זאמען מיט זיי אויך די שווערע פליכ־טען, וואס די יוניאן־טעטיגקייט ברענגט מיט זיך.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עווענין און 21טע סטריט

אונזער באנק

האט אלע איינריכטונגען פאר אלע אייערע באנק אנגעלעגענהייטען. צאהלט 4 פראצענט אינטערעסט און טיילט די פראפיטען מיט איהרע דעפאזיטארס.

שיקט אייער געלד נאך יוראפ צו די ביליגסטע פרייזען.

פאר די 6 מאנאטען פון אונזער עקזיסטענץ באשטעהט יעצט אונזער פארמעגען פון $2,500,000.00.

צוויי מיליאן פינף הונדערט טויזענד דאלער

מיר האבען איבער 3,000 דעפאזיטארס ביז יעצט, און די צאהל פאר־גרעסערט זיך יעדען טאג.

יעצט איז די צייט צו טרענספערירען אייער אקאונט. ברענגט אייער באנק ביכעל און מיר וועלען גלייך אנפאנגען צאהלען פראצענט.

International Union Bank

FIFTH AVENUE at 21st STREET

Member Federal Reserve System

ארגאניזיישאן קאמפיין אין קליוולאנד

אין דער לעצטער צייט האבען איי־ניגע שעפער אין קליוולאנד זיך אפגע־ריסען פון דער יוניאן, טרייענדיג צוריק־צוברענגען די אלטע „גוטע“ צייטען, ווען דער באס איז געווען אזוי פריי, און דער קלאוק־מאכער איז געלעגען אזוי טיף אין דער ערד. אבער זיי וועלען באלד אויס־געפינען, אז די דאזיגע צייט איז פאר־איבער, אז מען קען ניט דרעהען אויף צוריק דעם ראד פון דער געשיכטע. די יוניאן אין קליוולאנד טוט דאס בעסטע, אז זיי זאלען דאס וואס שנעלער אויסגע־פינען הדרך א גרויסען ארגאניזיישאן־קעמפיין, וואס ווערט דארט אנגעפיהרט

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט נים קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען. שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך נים, ווערט ער נים קיין בירגער.

פאר דיזען צוועק האט די נאטוראליזיישאן אייד ליג ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען“. אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע געהען ארויסנעמען סיטיזען פאפירן. די פראגען זיינען איבער־געגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען נים גענוג די ענגלישע שפראך.

דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל, זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף ד.ם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE
175 East Broadway, New York